אין פרעסע ארכיוו

# דֶער װֶעלְט־לוּחַ

פִינ'ם יָאהר

# אֵין כֶּסֶף

אָדער

## דיא אללגעמיינע

# פאנאראמע

פֿין

## עלי קצין הצחקיאולי

מחבר פינ'ם פוילישען יונגעל.

(צווייטע פערבעססערטע אויסגאבע).

אדעססא

גערדרוקט בייא פ' א' זעליעני.

שנה תרמ"ג לפ"ק.

---

# ВСЕМІРНЫЙ ЮМОРИСТИЧЕСКІЙ КАЛЕНДАРЬ

сочиненіе **И. О. ЛИНЕЦКАГО.**

Изданіе второе.

ОДЕССА.

Типографія П. А. Зеленаго, Красный пер., домъ Шварца, № 3.

1883.

1/12330

110

דא געהען גלייך
יונג און אלט
ארים און רייך
האבען איין געשטאלט.

* * *

אנגעהייבען אויפ'ן הימעל
געקאנטשעט ביא דער ערד
פין מענטשען — דאכט זיך — א געטימעל
קיקט אייך צו, עס איז גאר פערד!

הערסטי מיין ליבער לוח!
בעסער בעצייטען זאלל דיך האפען דער רוח!
בעסער מעגסטי בנאמנות חלעבען
ברעכען רוק און לענד, לייב און לעבען!
אדער גאר זיך ווארפען אין קעסעל פין זידיגען קאלך
איידער אן צו טרעפען אויף א תמעוואטע מלאך!

Дозволено Цензурою. Одесса, 4 Января 1883 г.

# קראניק

**פין דער העלער הויט**

זינט פוילישע נגידה'תטעס האבען בעקימען ספאזמעס
זינט מע האט אין די קליינלעך פארביטען ציג און וואלף אויף קארטען
זינט די שוחטים נעמען שוין ווייניגער פראצענט פין יעדער כשרה...
זינט טלית און תפילין עסט אויף דער מאילל...
זינט קאססע-קאסטענס נוצען זיך אויף ציבעלעס
זינט א פראסטע קיסעליצע הייסט שוין קאמפאט
זינט די גרויסע מאנאזינערען לאזען אראפ 50 פראצענט פינ'ם יפרי-פיקס.

**פין אלדע שווארצע יאהר,**

זינט קאממוניסטען זשאלעווען שוין ניט דעם אנדערען א שמעק טאבאק...
זינט גוטע יודען לייענען שוין די קוויטלעך אויסענווענינ
זינט אריסטאקראטען שלאגען שוין זייערע ווייבער מיט די הענר...
זינט פאד-ארטשיקעס האבען שוין האלב איינענע חבריכים
זינט נגידים געהען אויף איין ארום מאהלצייט
זינט די שטודירטע רבנים פארשלאפען צו זכור ברית...
זינט די עמאנציפירטע דאמען האבען שוין אביסעל ליעב בעקימען
די מאנען אויך.

**פינ'ם ערשטען עפוש**

זינט שענקארעס גיבען שוין א מאהל סדאטשע דעם מוזשיק...
זינט פינ'ם רבינ'ס שמירה איז אראפ דער קורם
זינט סוחרים האבען שוין אין זייערע אבאראטען 1 פראצענט איינענס
זינט חסידישע מעדליך קיקען שוין ווי פייגעליך פליהען...
זינט א יודישער בעל מלאכה'קען שוין דערלאנגען א שרוך מיט'ן שור שמש
זינט גיטע יודען נעמען צו קוויטלעך אויף קראנקע פערד
זינט ארימע לייט קלויבען נאר האלבע אימפעריאלען
זינט ביא יודישע אסיפות האט מען פארביטען קללות אויף פעטש.

# דיא פיער צייטען פינ׳ם יאהר

1 פון תקופת ניסן ביז תקופת תמוז: קלויזנער בחורים שניטצען לאפיטקעלעך אויף שמורה קלויבען. — אריסטאקראטישע דאמען חאפען מציאות אין דיא מאדנע מאגאזינען. — אז מען איז געזונד, ליידעט מען ניט קיין חבוט הקבר. — שמורה׳ניקעס ווארגען זיך אין אפטרעט מיט מצה־קניידליך. — בעלי בתים טראגען דיא תיקון שבועות׳ליך צום איינבינדער. — גנבים לאזען זיך קיין יעליסאוועט אויפן יריד. — ארעססער מעקלער הייבען אן טראגען פארריסען דיא שלאפעס. — ליטווישע בעל דרשה׳ר יאוועץ זיך אין דיא פוילישע שטאדט־ליך. — דיא לאנגע פרעפעראנס נאכט אנטלויפען אין דיא קאלטע לאנדער. — פוילישע נבאי׳טעס נאשען מיט דיא פינגער פינ׳ם הקדש איינגעמאכטס. —

---

2 פון תקופת תמוז ביז תקופת תשרי: נייע משוגעים פיהרט מען צום רבין. — אריסטאקראטען פארזעטצען הייזער מיט מאנטלען כדי ארויס צו פאהרען אויף א דאטשע. — גיטע יודישע אגענטען צושפרייטען זיך אויף דער מדינה נאך מעמדות געלט. — קאסארעס בייטען פופציגער אין דיא שענקען. — לאפאטניקעס פאלען פון דיא מאגאזינען אויף גאטט׳ס ערד און אויפ׳ן בעל הבית שטיינער. — יונגע דאמעליך שפאצירען שפעט אין דער נאכט פון פרישער לופט וועגען. — ארעסטער נאז געצען פינ׳ם קאטער. — שיהל נבאים פריווען שופרות אין בערדיטשעוו אויפ׳ן אלטען מארק. — אלטע קלויזנער בחורים טיהען תשובה אויף חטאות נעורים. — דיא שיניאגען קריכען שוין אזש איבער׳ן שטערען. — נבאי׳טעס לעגען קנייטליך. — שמש׳טעס מאסטען גאיען. — חזנים בינדען צו דיא האלזער. — דאקטורים קוקען ארויס אויף דער חאלערע. — מתים ליגען אין דער ערד און לעבעדיגע געהען אין ווייסען.

---

3 פון תקופת תשרי ביז תקופת טבת: א יריד פון בלינדע אתרוגים. — ראטמאנעס פארען ארויס אויפ׳ן פאוויעט. — ארימע דייטשען חאפען דריליעס. — חסידים געהענדיג פינ׳ם רבין בייטען אויס דיא שמירות אויף שקאליקעס. — דער שניידערשער צעך זוכט א גאלאווא אהן פליכעס. — דאמען געהען אינם ספאדעק. — דיא סטאסניקעס געהען צוריק אהיים שוין צופוס. — חסידים פארזעטצען דעם ווייב׳ס קערטקע- געבען צושטייער אויפ׳ן רבינ׳ס לעמפעל. — דיא שטאדט שיהלען שטעהען פיסטע חוץ וואס ביי נאכט דאווענען דארט דיא



מתים. — א בלאטע אין אללע גאססען, אין אללע בייטעלעך טריקען און דיא יודישע גאזעטען געהען אויף דובעס.

---

4 פון תקופת טבת ביז תקופת ניסן: ווינטער, האפערס גרייטען זיך צו אויף נאווע גאד. — תלמוד תורה יונגלעך גליטשען זיך אויפ׳ן אייז. — לאפאטניקעס פאהרען אהיים אויף איינענע פערד. . . ארימע דייטשען לויפען אויפ׳ן טאלטשאק. — סבארשטשיקעס פאהרען ארים נאך פאדאט. — גבירישע בן יחידים שטעלען ת״ק קערבליך אויף א דאמע פרעפעראנס. — טענדלערס טראגען ארים בעקאנטע טיליפעס צו פערקויפען. — בחורים טוטשען זיך אויפ׳ן בוידעס. — אפגעפארענע פעקעלמאכערס שטעהען אויף חצות. א קערביל דאס שאק אייער. — גאזעטניקעס מיטשען זיך עפיס אן שרייבען אויף פסח. — און ליטווישע רבנים סטארען זיך צו אסור׳ן קטניות. . .

## וועטערונגען

### תשרי

ביז דעם 15 טען קיהעל אין הארץ און חזנים הוסטען, ביז לעצט א שטארקע היטץ פון דיא קלפי פעטש, און אין דיא דרדקי חדרים אביסעל פארנע.

### מרחשון

ביז אין 15 טען א ווינטעל צווישען דיא חסידישע גרייזעלעך, ביז לעצט זעהר חמארנע אויפ׳ן הארץ און טריקען אין דיא חסידישע גערגיל.

### כסליו

ביז אין 15 טען רעגען אדער שנעה, וויא דער רבי וועט וועלין, ביז לעצט זענין דיא נעבעט לענגער פון דיא טעג.

### טבת

ביז אין 15 טען א משאר פון דיא חנוכה לעמפליך, ביז אין 20 טען גרויסע קרירות אין מקוה, ביז לעצט שטארקע היטצען אין קלויז בייא דער הרובע.

# וועטערונגען

## שבט

ביז אין 15 טען ברענענדיגע היטצען וויא מע הייצט אויף טשאלענר, ביז לעצט פייערדיגע פעטש צווישען דיא סטאס שפילער.

## אדר

ביז אין 15 טען א שלכט וועטער צווישען דיא בייגעלשלעפערס, ביז לעצט שטארקע דונערען אין קלויז פון דיא בחורים.

## ואדר

ביז אין 15 טען א גרויסע בלאטע אין דיא המן'טאשען, ביז לעצט א שטארקע בורע אין דיא ווייבערשע קרינאלינעס.

## ניסן

ביז אין 15 טען ווארימלעך אין דיא רבנ'ישע קעשענים, ביז אין 23 טען א ווילדער שטורעם ווינד ביא דיא שמורה'ניקעס אין דיא בייכער. ביז לעצט זעהר ריין אין דיא בעלהביתישע בייטעלעך.

## איר

ביז אין 15 טען גרויסע קעלטען פאר דיא קדחת רביעית'ניקעס, ביז לעצט צעשלאגענע לופט פון דיא פיילענבויגענס.

## סיון

ביז אין 7 טען וואלקענדיג אין אויוין פון דיא טילכידיגע סעודות, ביז אין 15 טען גרויסע בלאטעס אין דיא קבצנישע פאטיניצעס, ביז לעצט פרעג דעם לוח.

## תמוז

ביז אין 15 טען שיינט דיא לבנה נאר ביא נאכט, ביז לעצט א טומאן פאר דיא וואס זעהען ניט א גראשען אין דיא אויגען.

## מנחם אב

ביז אין 10 טען קאלטענעס פון דיא בוזיקעס, ביז אין 20 טען בייסענעש פון דיא פלייא, ביז לעצט גרויסע בליצען פון דיא אומריינע קאפ.

## אלול

ביז אין 15 טען א סך ווארימער וויא אום שבת, ביז לעצט א קיהל ווינ-דעל דורכ'ן שופר אונ צו ביסלעכווייס נאס אין דיא ווייבערשע תחנות.



# לקויות

1 איבערגעשלאגען דער מאראם נ... וואס דער מאן איז פלוצים אנגעקימען..

2 געשלאגען וויא אויף 4 טייז צו געווינען דיא 200,000 קערבליך.

3 אויפגעשלאגען א גרויסען מאנופאקטור מאגאזין פון א גראנד-ראבע ווענען..

4 געשלאגען דיא גיטע יודישע פרנסה זינט זייא האבען פון זיך פארפיסקעס געגעבען.

5 ביא דער שניידערשער קלפי אפגעשלאגען א פאטש פאר א פאטש! אי וואס קעהר זיך דאס אן מיט לקוי חמה אדער מיט לקוי לבנה? הא? אלא מאי וואס קעהר זיך אן א ברייטער לאטפאס מיט דער אויפקלערונג? וואס קעהר זיך אן א שנאפס אונ א רעטשאנעק מיט חסידות? אונ וואס קעהר זיך אן א גיעס מיט א ציעה ביים אויער.

# פינצטערניש

1 דעם גרויסען הורטאווניק פאר א חארקאווער יריד.

2 דעם שול גבאי אז מע פאדערט פון איהם א חשבון.

3 דעם הייסען חסיד ביים רבינ'ס ויברח.

4 דיא געוויסע קאהר חזנים אז זייא קענען ניט אזוי ניך אויפטישען דעם סדור.

5 דער חברה קדושה נאך א שלאפקייט..

6 דעם פוסטען אפיקורס א מינוט פארען טויט.

## וויפיעל יודען געפינען זיך אין פוילין אין יעדען מקום בעזונדער?

3000 ביים רבין אויף שבת חנוכה.

800 אין טהעאטער אויף דער גאלעריע.

200 חניאקעס אין דער ווארימער מקוה.

50 מקבלים ביא אליקים'ען אויפ'ן פדיון הבן:

9 חסידים אין איין בישעל.

3 שטארט בעלי בתים טרינקען מער ביא שמ"יה שענקער.
5000 ארימע בעל עבירה'ניקעס עסען תשעה באב אין דיא אפטרעטען.
900 שארלאטאנעס זיכען איין ארט וויא דיא הויזען צו פעררעכטען.
2 רייסען זיך דארט ביא דיא האר איבער א סטאס.
3 סבארשטשיקעס טהיילען זיך מיט קהלים געלד אויפ'ן ספאדעק.
שס"ה ארץ ישראל יודען יאגען זיך נאך איין בארווישע אראבקע.

---

ס"ה 56,789,478,649,325,760

וויא האט זיך עס דא גענימען אזוי פיעל? הא! וואס ושע איז? אזעלבע קשיות האב איך א סך: וויא נעמט זיך עס פין אזא קליינ יורעלע זאל גאר ווערען אזא נארישע יורענע? וויא נעמט זיך ביא א שולער 5 טייז אין איין טאליע קארטען? וויא נעמט זיך אין שבחי בעש"ט אזוינע אייזערנע ליגען? וויא נעמט זיך עז פין טער אונ אייזען זאל גאר ווערען טינט אונ פעדערי...? וויא נעמען זיך אזוי פיעל גרילען אין א גרעטצקי ברויט? וויא נעמט זיך אין מאגאזין פון ליעדער אזא פוילע סחורה? וויא נעמט זיך ביא היינטיגער אריסטאקראטיע אזוי פיעל אונמענשליכקייט? וויא נעמט זיך ביא איינגע פאדראטשיקעס איינגע חבריבים? וויא נעמט זיך ביא א סך קלויזנער אזא מיסט אין שטיב? אונ וויא נעמט זיך פין א פוילישע יונגעל זאל גאה ווער'ן א בייזער מארשעלאק? —

---

# שהחיינו ווען מע מאכט?

1 אז מע זעהט היינטיגע צייטען איין אמת'ן חסיד.
2 אז איין עושר א גראבער יונג לעגט כבוד אויף איין עדלען מענשען.
3 אז א טאווריער שענקער זאל נעמען בראנפען ביים סקלאדטשיק אויף מוזמן געלד.
4 אז מע קלויבט אוים דעם איינענעם ראבינער אויף דיא אנדערע פיער יאהר...
5 אז מע זעהט ביא עמיצען האטש איין ארענטליכען גראשען.
6 אז א דינסט מויד האט חתונה אהן א פיקסען מאנטעל...
7 אז א יודישער דאקטאר דער פהילאזאפיע קען רעכט עברי זאגען...
8 אז איין אריסטאקראט קויפט א יודיש ספר'ל איידער דער מחבר טראגט עס איהם אריין.
9 אז א דארפס-יוד זאל קיין שענק ניט האבען.
10 אז מע זעהט א ליטוועשען קאמיסיאנער אהן א מאנטינענעם קאשקעט.
11 אז איין אדוואקאט קליין שקאנטיסטעל נעמט ווייניגער פין 50 פראצענט א חודש אויף א משכון.
12 אז א יודעשער מחבר זאלל שרייבען דעם אמת.

---

# היימישע רפואות

צו א מקשה לילד זאלל דיא קינפעטארין זיך פארבינדען דיא אויגען אונ צו געה'ן מיט א שפילקע צו א זאסיק הירז אונ זאלל טרעפען אין א הירז מיט אלעכיל; דער נאך זאלל מען קויפען 7 ניע טעפ, איטליכער זאל האלטען 7 קווארט, אונ מע זאלל אנשעפען ביים טייך שטילשווייגענדע וואסער אונ באלד געהן אין א דעמבינע וואלד אונ מע זאלל אפצעהלען 7 בוימער אונ פינ'ם אכטען אנהאקען דיא קארע, ביז מע וועט אויסגעהן דעם גאנצען וואלד; — מיט דער קארע זאל מען אונטערהייצען אונ מע זאלל ארנווארפען דעם הירז אין דעם ערשטען טאפ מיט דער שטילשווייגענדע וואסער אונ שטעללען קאכען, אז ער וועט פארטיג ווערען זאלל מען דאס שיטערע ארויסגיסען אונ דאס געדיכטע ארויסווארפען אונ דעם הירז זאלל מען ווייטער קאכען אין אללע זיבען טעפ, דער נאך זאלל מען איהם אריבערווארפען איבער דער שיהל-וועט ווערען פין איהם א דריידעל, דאס דריידעל זאלל מען צולעגען דער קינפעטארין צום נאפעל אונ מע זאלל אזוי לאנג דרעהען ביז דיא כשרה נשמה וועט איהר אויסגעהן.

---

# צו קדחת רביעית

זאלל מען אויסרייסען א שטיקעל קאלבאס פין איין ארימען בעל עבירה'ניק אויסען טויל אונ עטליכע האר פין א יאטקע הונד, דערצי א שטיקעל טייוועלסקויט אונ א קעפיר פין א כפרה האהן-אינאיינעם אריין לעגען אין א קליין טעפעלע אונ שטעללען זידען אויף א זאטאר פין א גענעראלני,-דאס זאלל מען אפשויטען מיט א פריעה נאגעל פין א דארפס מוהל אונ מיט דער שוים זאלל מען אפשמירען דעם קדחת'ניק אונטער דיא פאחוועס וועט ער באלד פאפרישטשעט ווערען אונ טאקע תיכף ומיד זאלל מען ריפען א דאקטאר וועט ער אי"ה האבען א רפואה שלמה...

---

# צו שניידעניש

זאלל מען אויסשניידען דאס ווארט יפ ת ג ס׳ פין דער מגלה אונ דערצי א ביסעל רעבארבערים מיט דער פערטער ציצה פין א מת, מיט דעם זאלל מען זיך אונטער רויכענען אונ מע זאלל דערביא זאגען דיא ווערטער:
שייע פייע אויפ'ן בויך — דיר א מכה מיר א יויך!

# צו צעהן וועהטהיג

זאלל מען נעמען א פיד מעהל, א ווארעק קייז און א וואזקע פיטער – פין דעם אלעמען זאלל מען מאכען א קניש און מע זאלל ריפען איין אלטען שפרעכער פין דיא טאטערען, ער זאלל אזוי לאנג עסען דעם קניש ביז ער וועט שיעור ניט לאפגען אויפ'ן ארט, דאס וואס וועט איבערבלייבען פינ'ם קניש זאלל מען איינוויקלען אין א גרויסען פאפיער דערנאך ארויסווארפען דעם קניש און דאס פאפיער צעשני־דען אויף לאנגע און שמאלע שטיקער און דער טאטער זאלל דאס אנצינדען און תיכף ומיד זאלל דער חולה האלטען אפען דאס מויל איבער'ן רויך.... דערויף האט דער אלטער בפירוש געזאגט אז פאר א סרחה איז ער זיכער, נאר א רפואה – גאט ווייס!...

---

# כללים צו רעכענען

1 ג' פעמים ח"י איז בגימטריא ד"ן דאס באטרעפט דרייא מאהל צדיק אויף מספר קטן; טאמער ניין – טא רעכען מיט דיא אותיות! טאמער נאך ניט־רעכען מיט'ן כולל! טאמער פארט ניט־רעכען צי דיא עשרת בני המן – מיט דיא ווערטער מיט דיא אותיות און מיט'ן כולל און דערנאך ווארף אראפ במנין תרח, אויב עס קומט אלץ ניט אויס־טא פארבייט דעם אל"ף בי"ת אויף א"ת ב"ש, אנ"ק בכ"ר, את־"ם בט"ע, טאמער וועט פארט דער אויבערשטער רחמנות האבען!

2 צווייא נאראשען אין אקע רעכענען זיך אויף עלטער מיט אויגען, נאר פיער טייז זענען אפילו עלטער פין א גרייז גראווען יודען פין זיבעציג יאהר–און ביים סטאס רעכענען זיך דיא הויזען אויך אין געלט און דאס איבריגע דערגיט מען מיט פעטש...

3 זעקס שעה אויפ'ן טאג זאלסטו דאווענען שחרית און דרייא שעה אין דער נאכט מנחה!... אז דער שולחן ערוך הייסט זיך ניט אזוי? דאס מיינט ער דאך נאר עהרליכע יודען – אבער ניט קיין גיטע יודען!...

---

# כללים פין מאס און וואג

1 אין א תחום שבת איז דא זעקס הינדערט טלית קטן'ס, אין א טלית קטן איז דא צווייא דאטסקי שלייפען אין א שלייף איז דא צווייא חסידישע פאות, און א פאה איז אכט ווערשקעס מיט א האלבען...

2 אין א חסידישען נארגעל איז דרייא קווארט ספירט – אין א קווארט ספירט איז צוואנציג חסידישע אויגען.

3 אין א פיד איז דא צווייא פוילישע ספאדקעס, אין א ספאדיק איז א פאר פאנטאפעל אין א פאר פאנטאפעל איז צווייא שיניאנעס, אין א שיניאן איז צווייא לאפענ־טיצלעך – און א לאפענטיצעל איז פינעף פינט מיט א פערטיל..

---

אז מע וויל פאהרען פין בערדיטשעוו קיין זיטאמיר, נאר מע וויל אבער פארשפארען האלב וועג–זאלל מען בעסער פאהרען פין קאדניע קיין זיטאמיר, ווארען קאדניע שטעהט סאמע אין דער מיטט צווישען בערדיטשעוו און זיטאמיר..



# ניטצליכע טייטשווערטער

| | |
|---|---|
| עפר ואפר . . . . . . . . | באטשי אטשי שטשא קופויעט. |
| ברחל בתך הקטנה . . . . . . | מיט א שייט האלץ איבער'ן קאפ. |
| כלחוך השור . . . . . . . | שארען אויף טאג. |
| שלג וקטור . . . . . . . | ער לאגט וויא א הונד. |
| ויהי בחצי הלילה . . . . . . | פריש און געזינד און משוגע. |
| כרחם אב על בנים . . . . . | טיה א הונד גיטס. |
| שפיפון . . . . . . . . | א פיפערנאטער. |
| בהעלותך . . . . . . . | אין דיין טיהן טאהן טיהן אויפגעהען. |
| ארבע מיתות בית דין. . . . . | א געלויף אויף זיין בעז וואנדער. |
| וחלקלקות . . . . . . . | א לינזענווארעם. |
| הגדגדה . . . . . . . . | א געפילטע קישקע. |
| ופת לאורחים . . . . . . . | צעהען פעטש אויף ארימע לייט. |
| קוממיות . . . . . . . . | מיט פליטערלעך. |

---

# פערצייכנונג

דעם רבין ר' חנא שאולים מיצעל איז אלליין ארויסגעקראכען אכצען יאהר נאך זיין פטירה.

דעם גרויסען ר' גאדי'ס זשיפיצע איז לעבעדיגער הייט אין הימעל אריין.

ר' שימצע דער מגיד איז א גלגול פינ'ם אלטען תרח'ס א לינקע פאה.

דיא גרימע יענטעלעס יאספערקע העננט פאר א סטעננע ביי ר' אברהמיל חיריקס ספאדעק.

ר' אליקים ברכשתא איז סעקרעטאר ביים גיהנם שמש.

אלעקסע דעם בעל שם'ס פסקיט אין גן עדן שאלות נשים.

דאס ליפאוויצער קליין בית המדרשיל שטעהט מיט'ן קוימען אקעגען שער השמים.

דיא אחרימאווער מקוה געהט פין בלעם הרשע'ס קבר.

בעריל באס קאמזויל איז איבערגענעהט פין דער אלטער רביצינס פארטוך.

דער וויניצער סבארשטשיק חתמעט זיך אויף שדים כתב.

דיא שארעגראדער שיהל איז אנגעקימען פאטשט פין דער מערת המכפלה.

דאס בערדיטשעווער טהעאטער איז אויף דער צייט..

דעם אלטען ר' אהרצי'ס קאפעליש איז א לאקשען טאפ ביים מלאך הגדגדה.

ר' למך'ס טלית קטן העננט אויף א הארען פין דער לבנה.

אלע חסידישע פלייא גענעצען אין דער נאכט וואס נאך תשעה באב.

# ר״ח—קרעמעניץ

## מולד בהר״ד, פיער וואכען פאר ווארשא.

איך געדענק אז איך בין נאך א נשמה געוועהן
אז איך האב דיא וועלט פאר זיך נאך ניט געזעהן
בין איך אין גן עדן געזעסען
אזוי וויא א חתן
אונ האב געגעסען
א שטיק לויתן.
נאר דער רוח ווייסט וואס מיר איז געשעהן
עפיס בין איך ניט צופרידען געוועהן:
אונ צום אמת טאקי, זיטץ אונ קוועטש דיא באנק
עסען ייכלעך חאטש איך בין גאר ניט קראנק
נאך א שטיקעל שור הבר, נאך א גיטען צימעס
קרעפלעך עסען ווערט דאך אויך נמאס;
היינט אזוינע זאכען צו זעהן
וואס דאס הארץ קען פשוט ציגעהן:
נאך א מאהל - וואס משה האט פארווערט
מע זאלל ניט גאלען קיין בערד
צום סוף פלעג איך זעהן אויסגיוויקטע יודען
מיט לאנגע בערד, מיט היבשע מערידען
זייא דארפען גאר אין גיהנם זיין
אונ געגאלטע בערד שיקט מען אין גן עדן אריין! ...
אזוינע זאכען האט זיך אפט געמאכט
ווען דיא נשמות געהען אויפ׳ן הימעל האלבע נאכט
זייא זאללען אפגעבען חשבון פינ׳ם גאנצען טאג
איז נאר אויף דיא לאנגע בארד אונ פאות געוועזען א פלאג!
זייא פלעגען זיך תמיד אינ׳ם עבירה-ביך פערשרייבען
אונ דיא גלוחים פלעגען תמיד גערעכט בלייבען.
נאר איין מאהל האב איך א מעשה געזעהן
אז איך האב פשוט געמיינט איך וועל אויסגעהן:
עפים צווייא נשמות פין דער וועלט
האבען זיך פאר׳ן בית דין של מעלה געשטעללט
איינע א דארע, א טריקענע וויא איין אלטער קאפהאן
פין קאפ ביז פיס אין ווייסען אנגעטאהן
מיט א לאנגע בארד אינ פאות
באהאנגען באקלאנגען מיט שמירות, מיט קמיעות
אונ איינע א פעטע מיט א גראבען קארק
קיילעכדיג אונ גלאט, געזינד או׳ שטארק



# קרעמעניץ

א גלאטע מארדע וויא ביא א אשה גאר
אפ געגאלט אין גאנצען ביז איין האאר.
וויא איך האר - זייא האבען ביידע א דין תורה
עפיס האבען זייא בשותפות געהאנדעלט א סחורה
איך וויים אפילו ניט וואס דאס איז
זייא האבען בשותפות גענימען דעם אקציז
דיא ווייסע נשמה האט געגיבען געלט
אונ דיא פעטע האט זיך צו טארגעם געשטעלט
זייא האבען אזוי געהאנדעלט א צייט מיט יאהרען
דיא פעטע נשמה פלעגט צו דער דארער צו פאהרען
זיא האט זיא אלץ גענארט, ביז צו לעצט
האט זיא איהר דאס גאנצע געלד אנגעזעצט.
אצינד טענית דיא דארע נשמה: מיין געלט!
לא די איך האב אנגעוואהרען מיין גלאנץ בייא דער וועלט
וואס איך בין מיט דיר געוועזען א נאהענטער מחותן
אצונד לאזטי מיך גאר שטעהן אין מיטען
ניט קיין קאפיטאל, ניט קיין פראצענט
אבי איך האב זיך מיט דיר ארימגעפירט בייא דיא הענט!
דיא פעטע נשמה טענית אבער אקעגען:
דוא ווערסט דא גאר ניט דערלייגען
יענץ געלד איז בלויז ניט דיינס
עס איז גאט׳ס אונ פרעמד׳ס אז איך וויל - מיינס
דוא האסט געראבעוועט בייא יענעם, בייא מיר
היינט מייג איך צינעהמען בייא דיר
ניט אומזיסט הייסטי כלי קדש בייא דער וועלט
דוא קענסט בייא א טויטען אויך שלעפען געלט! ...
גיה זשע דיר ווייטער מיט דיין אלטען כלל
אונ שלאג דיר צינויף א נייעם קאפיטאל. -
איך - ווערליג איך בין ניט קלאהר דערינגען
האב איך געמיינט, אז דיא דארע נשמה וועט געווינען
נאר פליצים - אזוי וויא איך שטעה דא פארטיפט
האר איך עפיס א בת קול פינ׳ם הימעל ריפט:
דוא נשמה פינ׳ם פעטען האב גאר קיין מורא
אונ דוא אנדערע נשמה האסט אנגעוואהרען דעם דין תורה!
איך בין שיר צוזעצט גיווארין, אז איך האב דאס דערהערט
סטייטש, וויא פסקיט מען דאכט זיך אזוי פארקעהרט
אונ טאקי דאריבער האב איך זעהר גענארט
אונ האב זיך טאקי גיט אנגישפארט

## קרעמעניץ

אַז איך מיז אָנקוקען דיא דאָזיגע וועלט
און זעהן וואָס טיהט זיך עס דאָ אַזוינס מיט'ן געלט
און פּליצים איז צו מיר אַ מלאך געקומען
און האָט מיך פֿון דאַנעט צוגענומען
ער האָט מיך געיאָגט וואַלד אוים וואַלד איין
און האָט מיך פאַריאָגט — אין דער וועלט אַריין! —
מילא פֿון מיין געבאָרען געדענק איך ניט גאָר
ביז איך בין אַלט געוואָרען אַ פֿיער פֿינף יאָהר
ערשט פֿון דעמאָלט ווייס איך אַ סדר
פֿון מיין געהן אין דרדקין חדר.

אין חדר פֿלעגט מען מיך זעהר מיטשען
דער בעלפֿער פֿלעגט מיר זעהר דאָקיטשען
איך האָב עס גאָר ניט געקאָנט אויסשטעהן
אַוודאי האָב איך אין חדר ניט געוואָלט געהן
אין דער אמת טאַקי, ווער וואָלט בעסער געוועהן?
ווער דאַרף דען יאָ וועלין אין חדר אַריין געהן?
געדענקט זשע, — אַ דרדקער מלמד ווערט פֿון אַ בעלפֿער,
וואָס איז ער פֿריהער געוועהן? — ביי דיא מצות אַ העלפֿער!
אַ דאָס האָט ער ערשט דעם טשין געקריגען
אַז ער האָט שוין עטליכע יאָהר פאַרקויפֿט טויטע פֿליגען
פֿאַר אַ ברויט אָדער אַ געזייערטען קניש
און מיט דיא פֿליגען פֿלעגט מען האַפּין פֿיש.
נאָך דיא פֿליגען האַפּין
פֿלעגט ער אין באָד אַריין קלאַפּין
אַוודאי איז ער זיך שוין אין דיא פֿעדערין
אַז ער ווערט אַ קנעפּיל מיט יעדערין
ער ווערט באַקאַנט מיט איטליכען שפּאַק
מיט אַללע שמשים געהט ער אין קאַבאַק
זייא ערקלערין איהם אַללע שטאָדט־זאַכען
וועלכער בעל הבית וועט אַ לעקעך און בראָנפֿין מאַכען
וועלכע בעל הבית'טע איז אַ נאַשערין
ווען דער רבן וועט דעם פּסח'דיגען אויווען כשר'ן
ווען אליקים היקעלעס איז געוואָרין אַ לייט
ווען דיא נגידה'טע האָט יאָהרצייט;
דערציי לעהרינט ער זיך אוים אויפֿ'ן אָרט
עפּים זאָגען אַ לשו', קודש וואָרט,



## קרעמעניץ

ער קען שוין זאָגען יאַ קאַפּיט תהלים.
ער קען שוין זאָגען יאַ פּאָר תפלים.
מיט דער צייט ווערט ער אַ שטאָדט משרת
ער טראָגט שוין נאָך דעם לאַמטערין צו דיא כפּרות
שבועות-טראָגט ער אין פּאָלעש אַריין שאַוער
מיט דיא חברה שמשים ווערט ער אַ חבר
דעם גבאי טראָגט ער שבת דיא פּישקע טאַבאַק
צו אַ בר מינן טראָגט ער נאָך דעם מעבר יבק
דערוויל, ווען אַללע וויינען און קלאָגען
קען ער פֿון דער שטיב עפּים אָפּטראָגען
דערפֿין מאַכט ער אַ גאַנצען העגדעל
ער ווייסט דאָך ביי וועלכער בעל הבית'טע פֿעהלט אַ פֿענדער
ביי וועלכער אַ לעפּיל
ביי וועלכער אַ מעלק־שעפּיל
און וועלכע בעל הביתטע האָט גלאַט אַ טבע
אויפֿצוקויפֿען עפּים אַ גנבה
און אַ דער בעל הביתטע מיז מען זיך טיהן צוליעב
וואָרען זיא איז דאָך אַ גאַנצע אשת חיל אין שטיב
און אויף דער שטאָדט שמ'ט זיא פֿאַר אַ אשה צנועה
איהר ברענגט מען דאָך תמיד אינ'ם חלום אַ רפֿואה
אין שיהל אַריין געהט זיא מיט אַ גראָבען סדור
נאָ וויא קען ער איהר זיין קיגער ווידער?
און וויא באַלד ער איז ביי איהר נושא חן
אַזוי העבט זיא אָן מיט אַללע ווייבער דרעהן
ער זאָלל ווערען אַ בעלפֿער צו דיא קינדער
און ער ווערט אַ בעלפֿער צו מזל אויפֿ'ן ווינטער!
מילא וויפֿיעל ער קען ווייסט מען שוין פֿון לאַנג
נאָר דערצי בעקומט ער גאָר אַ נייעם אינטערגאַנג:
ער האָט שוין גאָר ליעב פֿלייש אַ סך
ער עסט שוין אויף דעם וואַרימעס מיט'ן קינד גלייך
אַ מאָהל ברענגט ער דעם קינד גאָר אַ מכה
נאָר ער רעדט איהם איין פּאַקע
ער זאָלל זאָגען אין דער היים
אַז דער רבי נעמט צו ביי איהם
דער מלמד פֿאַלט ביי דיא בעלי בתים אַראָפּ
ביז וואַנעט מע שאַפּט איהם גאָר אָפּ
און דער בעלפֿער טיהט אָן דעם חאָמעט

## קרעמעניץ

אוּן וֶוערְט אַ דַרְדֶקֶער מְלַמֵד.
נַאט אַיךְ אַ פּוֹילִישֶׁען מְלַמֵד מִיט אַלְלֶע זַיינֶע מַעֲלוֹת;
גִיט אִיהם אָפּ דִיא קִינְדֶער, זֵייא וֶועלִין אי״ה פַּסְקִנִין שְׁאֵלוֹת!...

נאָר מִיט דֶער צַייט הָאב אִיךְ דָאס חֵדֶר לִיעבּ בֶּעקוּמֶען,
עֶס אִיז מִיר גֶעוֶועהן זֶעהר אַנְגֶענֶעמֶען
מִיט דִיא יוּנְגְלֶעךְ זִיךְ שְׁפִּילֶען אִין שֶׁענֶע זַאכֶען
וֶוענְן מִיר פְּלֶעגֶען זִיךְ לְיַאלְקֶעס מַאכֶען
וֶוענְן מִיר פְּלֶעגֶען זִיךְ צוּנוֹיף גֶעמֶען אַלְלֶע לְפָנִים
אוּן פִּין דִיא לְיַאלְקֶעס גֶעמַאכְט מְחוּתָּנִים
מִיר הָאבֶּען זֵייא זֶעהר שֵׁיין אוֹיסְגֶעצִירְט
אִין גְלַייךְ צוּ דֶער חוּפָּה גֶעפִיהרְט
כְּלֵי זֶמֶר זֶענִין מִיר גֶעוֶועהן
אִינְסְטְרוּמֶענְטֶען הָאבֶּען מִיר גֶעמַאכְט אַלְלֵיין
אַ צִימְבֶּעל פִּין אַ בְּרֶעטֶעלֶע מִיט צְוֵייא בֵּיינְדְלֶעךְ
טַאצֶען פִּין צְוֵייא שְׁפֶּענְדְלֶעךְ
אַ פְלֵייט פִּין אַ בּוֹיגֶען פַּאפִּיר
אַ פַּייקֶעל פִּין אַ פּוּחִיר
מִיר כְּלֵי זְמָרִים, מִיר מְחוּתָּנִים
מִיר סַארוֹוֶערס מִיר דַיָנִים
מִיר גאָר, מִיר אִינְגַאנְצֶען
מִיר שְׁפִּילֶען, מִיר טַאנְצֶען
דִיא שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶועהן זֶעהר אַנְגֶענֶעמֶען
מִיר הָאבֶּען קֵיינֶעם נִיט גֶעבֶּעטֶען, קֵיינֶער אִיז נִיט גֶעקוּמֶען! –
וואס זְשֶׁע מֵיינְט אִיהר? אֶפְשַׁר אַזוֹי אִיז שְׁלֶעכְט?
מִיר דַאכְט אַז אַזוֹי אִיז זֶעהר רֶעכְט!
דאס קֶען נאָר פֶערְשְׁטֶעהן
וֶוער עֶס הָאט אַ יוּדִישֶׁע חֲתוּנָה גֶעזֶעהן
נאָר בֵּייט מִיךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ נִיט פוֹילֶען
אוּן וֶועל אַיךְ בֶּעשְׁרַייבֶּען אַ חֲתוּנָה אִין פּוֹילֶען.

אַ גֶעמֵיינֶער בַּעַל הַבַּיִת אַז עֶר דַארף חֲתוּנָה מַאכֶען
מִיז עֶר הָאבֶּען דִיא אַלְלֶע זִיבֶּען זַאכֶען:
אַ פִּיד קַארְפּ, אַ צְוֵייא פִּיד הֶעכְט,
שְׁלַייֶען, קַארַעסֶען, אַלְץ אוֹיף אֵיין גֶערֶעכְט
אַ צֶעהן פִּיד פְלֵייש, אַ צְוֵייא זֶעקְלֶעךְ מֶעהל
הַיינְט עוֹפוֹת, אִיךְ גִיבּ אַייךְ אַ גֶעטֶעהל



## קרעמעניץ

אַ שְׁטַייג הִיהנֶער – אִינְדִיקֶעס אַ דְרַייא פִּיעֶר,
צְוַואנְצִיג גֶענְז אוּן קַאטְשְׁקֶעס אָהן אַ שִׁיעוּר
הַיינְט צוּקֶער-ווַארג, וִויא עֶר פַארְשְׁפַּארְט
אַ טִיץ לֶעקֶעכֶער, דְרַייא פְלאָדֶען אוּן אַ טאָרְט
הַיינְט אִין וֶוענִיגְסְטֶען אַ פֶּעסֶעלֶע וַויין
אַנְדֶערְשׁ קֶען עֶר דאָךְ גאָר קֵיין מְחוּתָּן נִיט זַיין.
אַ פְרֶעג אִיהם וואס דַארְף עֶר אַזוֹי פִיעל;
סְטַייטְשׁ אָהן דֶעם אִיז דאָךְ גאָר קַאלְיֶע דִיא שְׁפִּיעל!
אִיהם טִיהט דאָךְ דאס אַלְלֶעס נִיט בַּאנְק
עֶר קִיקְט דאָךְ נאָר אַרוֹיס אוֹיפ׳ן דְרָשָׁה-גֶעשַׁאנְק!
אוּן דאס קֶען מֶען זִיךְ אַנְדֶערְשׁ נִיט צִיפֶּען
סַיידֶען עֶר וֶועט אִיטְלִיכֶען דֶעם הַאלְז אָנְשְׁטִיפֶּען
דֶערְוַויל הִינְגֶערְט זִיךְ אוֹיס דאס גַאנְצֶע שְׁטֶעדְטֶעל
אוֹיף דֶעם קאָנְט וואס נַחְמָן שְׁלֹמֹה מַאכְט חֲתוּנָה זַיין מֶערֶעל.
וֶוער שְׁמִיסְט אַז חָתָן כַּלָּה
זָענֶען גְרַאדֶע פִּין אֵיין שְׁטאָדְט אַלְלֶע
אַ דאָ שַׁארְפְּט זִיךְ שׁוֹין יֶעדֶער בַּעַל הַבַּיִת דִיא צֵייהן
אַז וִויא דִיא שִׂמְחָה וֶועט זַיין אַהִיעֶן וֶועט עֶר גֶעהן
שַׁבָּת אוֹיפְרִיפֶענִס עֶסֶען זֵייא בֵּיים חָתָן אַלְלֶע
צוּם פַארְשְׁפִּיעל קְרִיכֶען זֵייא עֶסֶען בַּייא דֶער כַּלָּה
אַכְלַל עֶר רִיהְט נִיט וִויא אַ מַאשִׁין
עֶר גֶעהט אַהֶער אִין קְרִיכְט אַהִיעֶן
עֶר עֶסְט דאָ אִין טְרִינְקְט דאָרְט
אוּן מִיה אִיהם נאָר אַ חַאפּ – שְׁוֶוערְט עֶר אוֹיפ׳ן וואָרְט:
עֶר זאָלל אַזוֹי רֵיין זַיין פִּין צָרוֹת אִין שְׁלֶעק
וִויא עֶר הָאט נאָךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה נִיט גֶעטִיהן אַ לֶעק!
אַזוֹי דְרֶעהט עֶר זִיךְ צְוִוישֶׁען בֵּיידֶע מְחוּתָּנִים
שְׁטאָפְּט דִיא קִישְׁקֶע אוּן שְׁטִיפְּט אִין פָּנִים
דאָ עֶסְט עֶר הוּרְטאָם אוּן דאָרְט לַאחָדִים
אוּן צוּ דֶער וֶועטְשֶׁערֶע וֶוערט עֶר אַ מְחוּתָּן פִּין בֵּיידֶע צְדָדִים.
יַאקאָשׁ עֶר הָאט שׁוֹין דִיא וֶועטְשֶׁערֶע דֶערְלֶעבְּט
עֶר זִיצְט שׁוֹין אוֹיוֶוענַאן בַּיים טִישׁ צוּגִיקְלֶעבְּט
עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן עֶסֶען בֶּעצַייטֶען
עֶר רִיקְט שׁוֹין אוֹיף אַלְלֶע זַייטֶען
מֶען הָאט שׁוֹין יַאקאָשׁ אוֹיפְגֶערִיקְט דִיא פִישׁ
אַ דאָ שְׁטֶעלְט זִיךְ מַיין בַּדְחָן אוֹיפ׳ן טִישׁ
יַא נאָ דְרָשָׁה גֶעשַׁאנְק, בְּרַיו! הַבְרַיו! בְּרַיו!

## קרעמעניץ

פליצים ווערט צווישען דיא בעלי בתים א געשרייא!
מע דארף ניט! לאז מען פריהער אפעסען
אין דרשה געשאנק וועט מען שפייטער אויך ניט פארגעסען!
מע עסט שוין יעקאש אפ, מיין בדחן שרייעט אויס
ער שרייעט אונ שרייעט, דיא נשמה שפארט איהם שוין ארויס!
דער בעל הבית — זיצט שוין פארקנאקט
דער — זיצט גלאט אונ שוואנגט —
צו וועמען נאך זאלל ער רעדען? צום רב, צום דין?
זייא ווייסען זיך נאר פון דיא פלעשלעך זייען
ער ריקט שוין נעביך מיט צרות דיא טאץ
צום סבארשטשיק, צום פאלנאמאץ
א דא האט ער טאקע געטראפען דאס ארט
ער שרייעט אונ שרייעט, אונ קיינער ענפערט ניט א ווארט
נאר פליצים ריקט זיך א מחותן מיט א ראצעמארענער קאפאטע
שאט שאט! דאס איז ר' נחמן אהרן הארבאטע
קליין אונ דאר וויא א שטרוים
אנגעשטאפט מיט געלט וויא ער איז גרויס
ער רייסט דעם בדחן אונ ציהיצט זיך זעהר
אונ ווארפט אריין אין טאץ א הארטען צווייער!
נא, דאנקען גאט פארען ערשטען קלאפ
דער מחותן טיהט זיך שוין בייא דער קעשינע א טאפ
דער גלעט זיך ביים בייכעל אונ קוועלט
דעם חזן עפענט זיך גאר א נייע וועלט
דיא כלי זמר זענען פרעהליך פאר זיך
דיא סארווערס קוועלען פון דער קיך
דער בדחן איז גאר פרעהליכער פון אללע
ער שרייעט שוין ווייטער: יחתנ'ס צד! צד כלה!
ימומעס, פעטערס, זיידעס, באבעס!
יגוטע פריינד, יונגע לייט, אלטע שקראבעס!
יריהרט אייך, געלט! איטליכער נאך זיין גראד!
ידרשה-געשאנק! צד כלה, חתנ'ס צד!
שרייא היינט, שרייא מארגען
איטליכער שווייגט, האטש ווער דערווארגען —
דער רב קוקט שוין אין גלאז
דער חזן לאזט אראפ דיא נאז
דער עולם הייבט זיך אן ריהרען
אונ ביסלעך נויים אוועקמארשירען



## קרעמעניץ

דערווייל ווערט אונטערוויילעכס א קריעג
אללע שרייען אויפ'ן בדחן: לאז שוין זיין גענוג!
דער אינטערפיהרער איז ברוגז פאר דיא פיש
דיא אינטערפיהרערקע — פאר'ן אויבענאן ביים טיש
דער פאלנאמאץ האלט זיך ביים בויך
ער זאגט, עס האט איהם פארשאט דיא יויך
דער בעל טאקסע איז ווילד אין כעס
וואס אין דער יויך איז געוועהן קארג רייז
אין מיטטען דערינען פארדריסט גאר דעם ארענדאר
פאר וואס דער חתן איז א נארר! —
אכלל איטליכער האט א טענה צום מחותן
אללע צו געהען זיך אונ לאזען דיא שמחה אינמיטטען —
געגעסען אונ געטרינקען וויפיעל עס איז אריין
מייד, ביער אונ א גיט גלייזעל ווייין
אונ אז עס קימט צו עפים-מיהט הארציג באנק
מע זאלל געבען א פערציגער דרשה-געשאנק!...
אבער מיר יונגעלעך זענען דיא חתונה גרינג איבערגעקימען
דער רב האט קיין משכון פאר רח"ש ניט גענימען,
דער חזן האט ניט געשלעפט בייא דער פאלע! —
מע זאלל איהם געבען מי שברך-געלט פאר חתן כלה! —
דערווייל האבען מיר גאר אזוי פארטראכט
אז חתן כלה זאללען קלאמערשט ווערען טויט פאר שמאכט
מיר האבען זיי באלד פינם טיש אפיר געשלעפט
זייא זענען באלד געשטארבען גאר אהן א רעצעפט...
חברה קדושה האבען ניט געטרינקען קיין מייד
מיר האבען זיי באגראבען נאר שטילערהייט
אהן חברה שמשים, אהן דעם נביאים שלוחים
אונ דיא גנבים האבען פארשפארט גנב'ענען דיא תכריכים!...

## דאס צעטיל פין דיא צדיקים מיט זייערע הויפטמעלות

דער בעל שם טוב — איז געוועזען א בעלפער אונ האט פארטריבען א וואלפקולאק.
אדעלע דעם בעל שם'ס — דיא וועלט זאגט אז זיא איז געוועזען א יודענע.
ר' ליב שרה'ס — האט זיך געריפען אויף דער מאמעס נאמען אונ געהאט אפטע קפיצת הדרך.
ר' יעקב יוסף דער פולנאער רב — איז אויף דער עלטער געגאנגען אהן הויזען.

## דאס צעטיל פין דיא צדיקים מיט זייערע הויפט מעלות

דער פולונאער מוכיח – האט ליעב געהאט א טרינק בראנפען מיט ביירע פרושים (שטארק אונ אסף).

ר׳ דוד לייקעס – האט זייער געהאלטען פין געפילטע פיש.

ר׳ דובבער דער גרויסער מגיד – אין שלאף פלעגט ער קיין מאהל ניט עסען.

ר׳ וואלף קיצים – פלעגט אפט פערליערן דיא פאנטאפעל.*)

ר׳ דוד פירקעס – האט זיך אויף זיין לעבען ניט געקעמט.

אלעקסעי דעם בעל שם׳ס – פלעגט אנטרייבען מיט׳ן ריקען צו דיא פערד.

ר׳ מיכל זלאטשעווער – איז שטענדיג געשלאפען אויפ׳ן אויווען.

ר׳ נחמן האראדענקער – פלעגט זיך טובלען אין דער יארמעלקע.

ר׳ אהרן קליוואנער – האט זיך נאר איין קראץ געטיהן אויף זיין לעבען.

דער גרויסער ר׳ נחום – פלעגט שטארק חראפען אין שלאף.

ר׳ משה ליב סאסאווער – האט זייער ליעב געהאט וואליכשען בארשט.

ר׳ ברוך דער גרויסער, ר׳ אפרים סדילקעווער } צוויא ברידער פין איין פאר פאנטאפעל *)

ר׳ אברהם׳לע מלאך – איז געשלאפען נאזניק אונ פלעגט זיטצען אויף א ברעג שטיהל.

ר׳ שלום דער גרויסער – איז געוועזען א בלינדער אויף איין אויג.

ר׳ חיים קראסנער – אז ער פלעגט זאגען "בא, בא, באי" איז געוועזען א נבואה קטנה.

ר׳ אהרעלע טיטיעווער – פלעגט מיט׳ן גארטעל צעטרייבען דיא המרע אויף קדוש לבנה.

ר׳ איציקעל לאנצטער – איז נהרג געווארען איבער זיין רבצין...

ר׳ גרשון קיטאווער – האט פורים געשפרט על פי הגמרא..

ר׳ גדליה ליניצער – האט דעם בעל שם איינמאהל פארוויכערט דיא לולקע.

ר׳ זיסא אנאפאליער – איז געוועזען א ווילדער עם הארץ.

ר׳ אלימלך אנאפאליער – דיא וועלט זאגט, אז ער קומט פאק ארויס פין אברהם אבינו.

ר׳ איצעלע קאנסטאנטינער – האט אויף דער עלטער גענומען א בתולה.

ר׳ אשר סטאלינער – האט כל ימיו ניט נהנה געוועהן פין טרפות.

דער וואלאטשיסקער רב – האט תמיד געדאוונט אין טלית אונ תפלין.

---

*) ר׳ וואלף קיצים מיט דער גאנצער חבריא האבען א מאהל געטא:צט ביים בעל שם האט זיך בייא ר׳ וואלפען צעריסען א פאנטאפעל, — האט ער אזוי אין התלהבות א זאג גע־טיהן צו ארעלען, וויא מע פלעגט א מאהל רעדען אויף מאלאראסיאנעש: "קופי מיני פארא פאנ־טאפלי א יא טאבי דאם פארא חלאפציוו" האט זיא געהאט ר׳ ברוך׳לען מיט ר׳ אפרים׳לען.



## דאס צעטיל פין דיא צדיקים מיט זייערע הויפטמעלות.

דער שיפיטיווקער רב – האט געהאט גרויסע ברעם אונ בעוואקסענע אויערן.

דער בערדיטשעווער רב – איז כל ימיו געוועזען א געבראכטער.

דער אפטער רב – איז געשטארבען איין אלמן.

דער גרויסער ר׳ מאטעלע–פלעגט ניט איבערשפילען דיא ווייבערשע שלייערס.

ר׳ חיים טשערנאוויצער – האט שטענדיג געטראגען דאס פנים פין פארענט.

ר׳ איסעריל – פלעגט אפט פאר שמחה פערליערן דעם גארטעל.

דער זיטאמירער מגיד – איז געוועזען א ווילדער בעל כעסן.

דער שפאלער זיידע – איז ארויסגעקומען פין זיין אלטער באבע.

ר׳ יאסעלע יאמפאלער – א בעל רוח הקודש.

ר׳ וואלפעלע זבאראזשער – האט געשאטען מיט מופתים.

ר׳ מרדכעלע קרעמעניצער – א ווילדער אכלה׳ר.

ר׳ איציקעל ראדאווילער – א נע ונדניק.

ר׳ משהלע זוואהילער – ערגער פין אללע.

(*) (bracket covering the five lines above)

ר׳ לוי יצחק – איז געוועזען א ווילדער עובד אונ זעהר משוגע דערציא.

ר׳ ישראלצע ריזינער – געלעבט מעשה פריץ אונ געמאכט א ויברח.

ר׳ אברהמ׳לע פארבישטשער–איהם האט מען אפגענארט מיט א לעקעכעל...

ר׳ וועלפעלע זיטאמירער – ביז פערציג יאהר האט ער ניט געקיקט אויף ברילען.

ר׳ רפאל בערשידער – האט אויף דער עלטער בעקימען נייע צייהן.

ר׳ שמואל קאמינקער – האט געטראגען א זשיפיצע מיט צווייערלייא סטראקעס.

ר׳ שלום בעלזער – האט כל ימיו געהאט א קאטאר.

ר׳ מאיר פראמעשליאנער – האט פערטייטשט פוילישע ווערטליך.

ר׳ נחמן בראסליווער – האט כל ימיו געשפיגען מיט בלוט.

ר׳ מענדעלע וויטעבסקער – האט אין אללע קעשענעס געטראגען זייגערס.

דער סאווראניער רב – האט גערעט פאנפאוואטע.

דער בענדערער רב – פלעגט הבדלה מאכען מיטוואך אויף דער נאכט.

ר׳ ישראל שותק – א ווילדער פלוידערזאק.

ר׳ איציקעל ניסחיזער – האט גענוס׳ט פאר׳ן טויט.

דער פיקאווער רב – איז געקראכען אויף אללע פיער.

דער חמעלניקער רב – האט ליעב געהאט א סך פעפער אין דיא פיש.

ר׳ יוסף הערש – האט דעם בעל עגלה תמיד געזאגט אנשטאט – פאר פאהר: "פיי פאי"!

ר׳ הערש ליב הארליקער – פלעגט נאר טינקען קוילעטש אין בראנפען.

---

*) ר׳ מיכעלע זלאטשעווער האט געהאט דיא פינף זיהן אונ האט זייא גערופען דיא חמשה חומשי תורה..

## דאס צעטיל פין דיא צדיקים מיט זייערע הויפטמעלות.

ר' מתת יחזקאל – איז געוועזען א טאטע פין קינדער.

ר' הערשעלע טשורנאווער – האט געהאט געשוואלענע קישקעס.

ר' יאסעלע בערדיטשעווער – האט זיך ווילד געבארעט מיט דיא שדים.

דער וואלערניקער – איז פשוט געוועזען א משוגענער.

ר' איציק מאיר – האט אויף דער עלטער געהאט א גרייז גראהע בארד.

ר' ליב לעטיטשעווער – האט געהאט א לאנגע צינג.

ר' אהרן טשערנאבאליער – איז געבוירען געווארען איין עובר בטל.

ר' יעקב ישראל טשערקאסער – האט געריסען פין טויטע אונ פין לעבעדיגע.

ר' אברהמ'לע טריסקער – האט געהאט א ווילדען חתוך הדבור.

ר' דודוניא – איז געוועזען א ווילדער חכם ווען מען האט גאדארפט.

ר' איציקעל סקווירער – האט נאך דאס ערשטע ווייב.

ר' משה'לע קארישטשאווער – געביך גאר א פראסטאק.

ר' נחום מאקארעווער – האט א שניער מיט געשטיקטע זאקענבענדלעך.

ר' יוהנציא ראחמאסטריווקער - האט אין יעדער האנד צו פינף פינגער.

ר' משה'לע רעזשישטשעווער – איז צו דרייצעהן יאהר בר מצוה געווארען.

ר' אהרן קארלינער – איז געוועזען א געבראטענער ליטוואק.

ר' אשר'ל זיין זיהן פלעגט זיצען אין מקוה ביז דרייא א זייגער נאך האלבען טאג.

ר' שלום יוסף – איז נאכן טויט א ווילדער בריה געווארען.

ר' אברהם יעקוניא -- האט קיין פאלשע ביליעטען אליין ניט געמאכט.

ר' דוד משהניא – פלעגט זיך קייטשען בייא א זילבערנעם קערבעל. . .

ר' נחומניא – האט מיט קיין קבצנים ניט געהאנדעלט.

ר' מטוניא – נעמט פדיונות בלא ראיה.

ר' בערוניא – האט געדויכט ציגארען אום שבת על פי סוד.

ר' ברוך שלום – איז גלאט עפים ני בע ני מע, ני קיקעריקא.

ר' געציל – איז כל ימיו ניט ארויס פינ'ם טלית קטן.

ר' גדליה אהרן האט זיך תמיד געשאקעלט ביים עסען אונ האט געמאכט א פליטה.

ר' זיסעלע זינקאווער – איז געוועזען א כתבא רבא.

ר' יעקב יצחק – זאגט דיא וועלט אז ער האט א צינג סאמע אין דער טיטש טויל.

ר' משהלע טשישעלניקער – האט געהאט א פנים פין א ים=קאטער.

ר' יצחק יואליק – איז נאך עד היום א......

---

טאמער האב איך חלילה איינעם פין דיא טויטע פארגעסען שטעלען צום צעטעל בעט איך איהם אוודאי מחילה, ניט איהם מיין איך דיא וואנט מיין איך! נאר פין דיא לעבעדיגע בין איך זיכער אז איך האב אוודאי קיינעם ניט פארגעסען, אדרבה א סך וועלען מיר נאך דאנקען וואס איך האב אויף זייא רחמנות געהאט אונ׳האב זייא צום צעטעל געשטעלט; אי טאמער וועלען פא"ט איינינע תרעומות האבע וואס איך האב אין זייא גאר פארגעסען, אויף דיא פרעג איך גאר ניט! איך טיה נאר מאן טיהן רעדען פין ווילדע חיות, וועלכע זייא זענין דורם אונ מזיק הינדערטער מענשען אויף דער מינוט אונ האבען גאר קיין פיצעל מורא ניט, אבער פין ווערים רעד איך נאר ניט; לאזען זייא זיך דארט קריכען אין דיא ווייסע זשיפיצעס אריין, לאזען זייא זיך טאטשען אין חריין אונ צו מיר האט דאס גאר ניט – אי ער פיהרט זיך אויף א קליין ירידעל אין זיין שטאדטעלע? נא לאזען איהם דיא דארטיגע נגבאיטעס אויף לענען ערב יום כפור א קנייטעל!



---

# ר"ח—תשרי

## דער מולד איז ווען דיא לבנה וועט ארויס.

נא דיר נאך אז עס איז דיר קארג
שוין גאר מיש'ן קאפ אין דער ערד ווי א בארג
נאטש באשערט מיר אבער היא עפים א צרה;
אז איך בין שוין יא אויף עטליכע טאג פטור געווארען דיא נפרא
וואלט איך זיך עפים געקענט לעבען אויפ'ן שטייגער
דארף איך גאר חאליען אין שיהל ביז דרייא א זייגער
טאג וואס זאלל איך רעדען, עס איז פארפאללען
אוודאי איז הימעל אונ ערד אויף מיר געפאללען
נישמער איך האב מיר מיינם אנגעטראפען
איך בין לעבען אללע סטענדערם אויסגעלאפען
איך האב גאר געזעהן אזעליכם וואס איז גאר ניט געשטויגען
איך זעה איינער שטיפט דעם פינגער אין דיא אויגען
ער קוועטשט זייא אהיען ער קוועטשט אהער
ביז ער האט יאקאש געלאזט א טרעהר
מיר איז דאס געוועזען א ווינדער
סטייטש, פאר וואס בייא אונז קליינע קינדער
אז דיא מאמע וויל אונז נאר עפים גיט הארען
וויינען מיר באלד מיט הייסע טרעהרען
נאר דאס חדוש זעה איך ערשט היינט ארויס
אז איינער גיסט מיט טרעהרען ווייזט זיך אויס
אז א גרויסע צרה האט איהם אוודאי דערשלאגען
ניין! וואס ער וויינט? וועל איך אייך זאגען.
דער חזן וויינט ער זאלל דיא בעלי בתים געפעללען
אז דער חזן איז פרים וועלין דיא בעלי בתים אנקוועללען

## תשרי

דער רב וויינט פֿינ׳ם עולם וועגען
מן הסתם וועט ער דער צו נישט צולעגען
יונגע הייבליך ווייגען – וואס ווילען זייא פֿאר א ברכה
זייא ווילען פֿין דיא מאנגען א גיטע מערכה?
איינע האט איהם פֿיינד – ער קליירט זיא ניט נאך דער מאדע
איינע האט גלאט פֿין איהם אזוי דאסאדע
פֿאר וואס קיקט ער איהר נאך אויף יעדען שפאן
אונ לאזט זיא ניט רעדען מיט א פֿרעמדען יונגענמאנן
איין ארומאנן, א שלעפער וויינט מיט טרעהרען
ער וויל ניט מע זאלל געוואהר ווערען
אז ער האט ערגיץ א גראב קניפעל בעהאלטען
וועט מען זיך איהם דעם קאפ צושפאלטען..
דעם קברות יוד׳ס טאכטער וויינט פֿאר גאטט
וואס דער טאטע האט שוין א צייט קיין מתים ניט געהאט..
בעריל וויינט אונ רייסט זיך ביא דיא האאר
פֿאר וואס שמעריל האט פֿערדינט היינטיגס יאהר.
שענקארעס וויינען פֿארוואס האט דער בראנפען ניט אזא שליטה
אז דער מוזשיק זאלל פֿארשכורען דיא לעצטע פּרוטה?
חסידים וויינען מיט הייסע טרעהרען
דיא געבילדעטע זאללען שוין גיכער דיא כפּרה ווערען.
ביים פֿראנט זענען דיא אויגען פֿין טרעהרען נאס
פֿאר וואס האט ער ניט ביא דיא הויזען א לאטפאס
ביים קמצן ווערט אזש דאס קול פֿין שרייען געפֿרעסט
נאך וואס האט ער אזא מויל וואס עס עסט?
א סך אזוינע מענשען וויינען
אונ קיינער ווייסט ניט וואס זייא מיינען
זייער וויינען איז גאר ניט קיין ווינדער
זייא וויינען וויא מיר קליינע קינדער!
זעהט איהר – איינער וויל וויינען אונ קען ניט!
ער וויינט אין הארצען – איהם צאפט זיך זיין בליט;
א פֿאדראטשיק זאגט „שלעכט״ איהם מעג מען גלויבען
ער האט אודאי ניט פֿין וואגעט צו לעבען
ער וואלט נעביך אודאי געוויינט
נאר דאס הארץ איז איהם שוין פֿארשטיינט
ער רעכנט זיך עס זאלל פֿארפאלען ווערען זיין זאלאג
ער רעכנט זיך היינט מארגען אויפ׳ן אסטראג..



## תשרי

א קאנטאר פֿיהרער אז ער קרעכצט – איהם גלויב
דאס שווער איך דיר וויא איך לעב
ער וואלט אודאי געגאסען מיט טרעהרען
נאר ער האט מורא זיין קרעדיט צו שטערען
ער וויינט אין זיך – ער דארט וויא א שפאן
ער ווייסט היינט, מארגען זעצט ער אן!...
א גיטער יוד וויינט – ער איז אודאי נערעכט
איהם איז נעביך גאר שלעכט –
ער איז אויף דיא ערענדע ביא דיא נכאים
נא וואס טיהט מען מיט אזוינע רשעים
אז זיי זאגען פּליצים אויס דער וועלט?
בלייבט ער דאך גאר אויסגעשטעלט! –
נאר דעם, וואס איך האב ראש השנה געזעהן
דעם איז גאר געלעגען אויפ׳ן הארץ איין אנדער שטיין
זיין צרה איז היינט דורך איין אינטערגאנג
דאס חולאת איז ערשט ניט לאנג
זינט דיא אריסטאקראטיע האט זיך זאנאדעט
אונ האט זיך צווישען יודען אויך פֿאפֿארעט
אז דאס ווייב הייסט גאר מחילה מאדאם
אונ זיא דארף האבען דרייא דינסטען מיט איין אמם
וואס זיא טיהט מיז מען זאגען עס איז גלייך
מיט א פֿרעמדען מאנספּערזאן א ווערטיל א לאך
מע טאר איהר ניט זאגען עס איז א קרימער פּלאן
אונ אינטערוויילעכם פֿאר קויפֿט מען דעם מאנן
אט א דאס קריכט אין דער זיביטער ריפּ
אונ מע מיז נאך ווייזען א שמייכעל אויף דער ליפּ
אויף דעם מעג מען זיך אודאי קוועטשען דיא אויגען
נאר עס איז פֿארפאללען, עס איז שוין אוועק געפֿלויגען!..

אזוינע זאכען האב איך געזעהן דעמאלט א סך
איך האב געמיינט עס איז קרים היינט זעה איך עס איז גלייך
דער עולם האט אפּגעדאווינט איך זעה עפּיס א נייע זאך
איך זעה אללע יודען לויפֿען עפּיס צום טייך
איך פֿרעג דעם טאטען וואס קען דאס זיין?
מע געהט ווארפֿען דיא עבירות אין טייך אריין!
נא, עס איז שוין איין אלטע מעשה, מע דארף ניט רעדען
צו תשליך געהען יונגע בחורים אונ מיידען

## תשרי.

ווייבליך און שיינע יונגע לייט
איינס פין׳ם אנדערען גאר ניט ווייט
איינס דאס אנדערע קיקט זיך אן אין טייך
איינס צום אנדערען א שמייכעל, א לאך
דיא עבירות שליסען דא אין טייך א ווארט
און תנאים שליסען זיך אויף איין אנדער ארט
נאר פין תשליך האט שוין איינער געהערדט קליגע ווערטער
פרעגט זייט מוחל דעם דאקטאר יצחק ערטער
נאר אז מע ווייזט ארויס דעם יודען זיין שאנד
העלפט עס איהם אזוי וויא איין ארבעס אין דער וואנד
דווא לאך פין איהם, מאך דאס גרעסטע געשפעט
און ער ציהט זיך נאך זיין דומהייט וויא אייזען צום מאגנעט
ער וועט דיר בעדייא חאפען א קלאפ
און ניט נאך געהן דעם קליגען קאפ
פארטראכט ער גאר עפיס איז שוין פארפאללען
אויף פעטש אויף קלעפ איז ער א בעלן
אבי אויספיהרען זיינ׳ס וואס ער האט פארטראכט
דווא לאך און ער האט עס ניט געמאכט! —
אנא פריוו צו ברעך איהם דיא ביינער
ער זאלל זאגען: דער סמבטיון ווארפט ניט מיט שטיינער!
פריוו זיך נאר זאלסט איהם וויפיל פלאגען
ער זאלל זאגען אין ארץ ישראל איז טייער פייגען!
פריוו גים אוים אויף איהם א גאנצען מבול
ער זאל תשעה באב ניט ווארפען אויפ׳ן פעלר קנאבילן! —
אזוי מאכט ער זיך נמאס ביי איטליכען אין דיא אויגען
פאר וואס האט איהם דער פאליאק אויף דערינען געצויגען?
דערפאר וואס ער האט זיך אליין גרינג געשעצט
וויפיל דער פריץ האט פין איהם געלעצט
נאר „שעלמא! זשיד!‟ האט ער פין איהם געהערט
און ביי איהם איז דאס אלץ געוועזען ווערטה
בעדאי איהם ווייזען זיין צעריסענע קאפאטע
אבי איהם איינמאכען א קערביל אין דער ראטע
האטש בראק איהם, האטש האק איהם
אבי ער האט דערטאפט דיא ממתקים. —

---



## תשרי

# תקופה

דיא תקופה געפאללט אין א גיטער שעה
קלויזנער פאללען אויף א ניט שטיקעל מהרש״א
קאנטארען פאלען מיט זייערע טראטען גאנץ גיך
א גנב פינ׳ם בוידעם אראפ געפאלען, חאפט איהם דער רוח!...

---

ערב הושענה רבה האט זיך אזוי געמאכט
איך האב זעהר געוואלט שלאפען דיא נאכט
האב איך עטליכע פעטש געלייזט
איך זאלל נאר געהן וויא מע הייסט
וואס זאלל איך טיהן? מע מיז געהן
נאר דעמאלט האב איך טאקע ארויסגעזעהן
אז פאלגען דארף מען אללע צייט
קען מען אי״ה אויסוואקסען א לייט
ווארען אז איך בין נאר געקימען אין קלויז אריין
האב איך שוין ארויסגעזעהן וואס דא וועט זיין
אויף דער בימה איז געשטאנען איין עמיר מעד
דיא קלויז איז געוועזען פיל מיט רעד
דער האלט א גלאז, דער ציהט צו זיך
דער האט געבראכט א טשאשקע פין זיין קיך
דער רייסט אפ דעם אויער פין דער גלאז
און צו בליטיגט יענעם, וויא א חזיר דיא נאז
נעבען ארון קודש ביא דער, וואנט
האלט א יונגעל צוויא יארמילקעס אין דער האנט
איינער שלעפט קוויטליך פין דיא יארמילקעס ארוים
און מיט א ווילדגעלעכטער שרייט ער אוים;
„ר׳ משה באכעוויץ איז ארוים פיסט
„לאז ער געהן קלויבען מיסט
„ר׳ חייקעל זאוואלקע איז ארוים גלאט
לאז ער ליגען אונטערען גנאט
„ר׳ אנשיל בערדיטשעקע, ער געהט, ער פליהט!
„לעבעדיג! לאז ער זיך געהן מיט א צעבראכען געמיטה
„שאט, שאט, התורני ר׳ לייזער סאקערע
גבאי ראשון דהקלויז מסאדיגערע!
„אנא, ר׳ לייזער מעד שטעלט איהר

## תשרי

אונ דיא העליער שטעלען מיר! —
יוואס לייזער קאָקערע וועט זיין גבאי?
וויא קען עס זיין, זאָגט איהר אדרבה
אָ דאָ ווערט עס אין קלויז אַ געפּאַטשעריא
דער חלשט, דער איז שוין כמעט פערביי
דאָ פליהט אַ פּאַנטאָפעל דאָרט אַ שטענדער
דעם שלאָגט ביניש, יענעם פּאַטשט סענדער
אַזוי איז אַ געפּילדער אַ געטימעל
אַ דראַקע אַ ליאַרים ביז אין הימעל
אין אַ פּאָר שעה אַרום ווערט גאָר שלום
דיא אַללע פעטש זענין גאָר וויא אַ חלום
מע גיסט ווייטער מעד וויא אויפ'ן שטיין
ילחיים! לחיים! מע זאָלל נאָר אויף שמחות געהן
יצו אַ גיט קוויטיל זאָללען מיר ווערען געשריבען
אונ דער פאַראַיאָהריגער גבאי איז ווייטער געבליבען...

מעוברתע ווייבליך מעגען זיך טאַקע פּלייסען
דעם פּטום פינ'ם אתרוג אָפּבייסען
דאָס בין איך איין עדות אַז עס איז אַ גרויסע סגולה
זייא וועלין זעהען אין דיא קינדער אַ גרויסע גדולה
איך קען אַ יודענע, אַ קערצע, אַ גראָבע
וואָס זיא פלעגט בייסען דיא פּטום'ס אללע הושענה רבה
האָט זיא פון אללע קינדער גרויס נחת געזעהן
יעדער בעזינדער איז אַ פערד גנב געוועהן

## שמחת תורה

וואָס טאַנצט שמחת תורה דער עיקר אין קאָהן
אַ כוסה אונ דערצי אַ שפּרינג געטאָהן
נאָ דאָס קען מען שוין גאַנץ גיט פערשטעהן
אַז איך האָב דיא ביידע מן הסתם מקיים געוועהן
נאָר איין זאַך פלעגט מיך פערדריסען
איך וואָללט דעם מלמד אויסגעריסען
איך ווייס זיך יאָ אַז אַ גאַנץ יאָהר
האָט ער מיט אונז ניט געלערינט אויף איין האָאר
ער פלעגט ליגען אין קלייזיל גאַנצע טעג



## תשרי

יעדעס פלעשיל אויסליידיגען ביז אין ברעג
וויא נאָר אַ שמחה — ער איז אַ מחותן
וויא נאָר אַ סעודה'לע — ער אין מיטטען.
וואָסזשע איז איהם שמחת תורה אַזוינס געשעהן
וואָס ער האָט אַזוי געשיכורט וויא אויפ'ן שטיין?
נאָר היינט איז מיר שוין גאָר קיין חדוש ניט
היינט זעה איך אַזוינע זאַכען אלע מינוט
זינט איך זעה איינינע היינטוועלטיגע יונגעלייט
וואָס האָבען געלעהרינט זעהר אַ קירצע צייט
אונ האָבען דאָס יודישע גאָר ניט געהאָט אין זינן
אונ ווייסען טאַקי ניט איין יודישען דין
פרעגט זייא נאָר אַ וואָרט זענין זייא וויא שטום
ווייסען גאָר נישט פינ'ם גאַנצען יודענטהום
ווייסען גאָר נישט אין קהל'שע זאַכען
וויא אַזוי אין אַ שטאָרט אָרדנונגען צו טאַכען
צום סוף וויללען זייא פּועלין ביים קהל
מען זאָלל זייא אויסוועהלען פאַר רבנים אויף איין מאָהל
אונ איבערגעבען זייא דיא שטאָדט אויף עטליכע יאָהר
האָטש ניט אַזעלכע אומגעבילדעטע מיינט דער זאַקאָן גאָר
האָטש דער קיסר האָט גאָר ניט געמיינט אויף אַזאַ אַרט
אינ ער האָט עפּיס אַנדערש דערוואַרט
ער האָט געזעהען אַז יודישע רבנים
זענין צו דער וועלט גרויסע נאַרנים
האָט ער געהייסען אַ שולע מאַכען
אַז דאָרט זאָלל זיך קענין פערגלייכען
תורה מיט דרך ארץ אויף איין סיסטעם
אַז דאָס זאָלל ניט געהען אָהן דעם,
אונ דער וואָס וועט ענדיגען אַזאַ שוהל
זאָלל ער קענען פּראָווען אַ קהל
נאָך דער תורה אונ נאָך דער צייט
ביז ער וועט מאַכען פינ'ם יודען אַ לייט.
אַזעלכע רבנים וועט יודען קריגען
קלויבען זייא אויס מיט פערגניגען
אונ האָבען טאַקי ביי זייא גרויס חן
והא ראיה אין איינינע שטעדט לאָמיר זעהן
אַ ראַבינער וואָס פיהרט זיך נאָר נאָך דער תורה אונ נאָך דער צייט
אונ האַרמאָנירט דורכאויס מיט דיא שטאָדטלייט

## תשרי

ציא זענין זייא ניט אפ יאהרען לאנג ביי יודען
אונ דיא שטאדט איז פין זייא זעהר צופריעדען
אט אין בערדיטשעוו א ראבינער פ. איין איבערגאבן
טרעטט ניט ארויס א שאג פין יודעשען זאקאן
אט אין זיטאמיר ק. ארינטליך אונ פיין
קען דען דיא שטאדט פין איהם ניט צופרידען זיין
נא, היינט וואס זאלל מיר שוין זיין א װינדער
אז מיין רבי האט קיין מאהל ניט געלערינט מיט דיא קינדער
אונ צום שמחת תורה איז ער געװעזען גריס
אונ האט געשיכורט אויף וואס דיא וועלט שטערט"...

## קורסען אומשטענדע ביי פוילישע יודען

שמירות פינ'ם ערשטען וויפוסק האלטען ביז 1000% איבער טאלנער קורס.

שמירות פינ'ם צווייטען וויפוסק האלטען כמעט ביז ניינהונדערט פעטש אויף סאדי-גערער בירזשע.

א פייגעלע פין י"ב הלות שטייגט אויף סקווירער קורס ביז ה"י רו"כ.

דעם רבינ'ס איין אלטער טלית קטן שטעהט העכער אין קורס פין א פערסיד זאקע לאנג שאלל.

קרעדיטנע בילעטען אויף עולם הבא שטייגט אויף בערדיטשעווער בירזשע ביז שס"ה רו"כ.

גן-עדן-אקציעס האבען אויף טשערנאבעלער קורס נאר קיין שאטץ ניט. —

## פאשלינא אונ אנדערע נאלאגען

1 פאר'ן ערשטען פסוק אתה הראת קימט איין גמר מער! פאר דיא איבריגע פסוקים צו צווייא צעהנדלינג פלעשליך ווין!
2 פאר א פאלשע בריעף וואס א רב גיט איינעם ארויס אז ער איז בודטאבו א נשרף קימט איהם האלב וויפיעל ער וועט מאכען נאר איין זעק בריעף מיז שוין דער רב אפבערענען אויף זיינע הוצאות פין א סימן וועגען. —
3 פאר א מיידעל אז דאס ווייב האט געהאט, קימט 157 פאנטאפעל דעם טאטע כמנין נקבה.
4 פאר א חתן ווערין קימט אנציהען ביי דיא אויערן.
5 פאר א לאנדאנער תנד"ל קימט אויסשליסען פין דער חברה זיינע יונגע לייט.
6 פאר א טרפה-פסול איז מען ניט זיבער מיט'ן לעבען!



## ר"ח — מרחשון

### דער מולד איז שפעטער וויא אין דער צייט

אדא בין איך שוין נאר מיט'ן קאפ אין דער ערד
דעם חודש האב איך געדארינועט וויא א פערד
עס איז אפילו איין טאג ניט געוועהן
מע זאלל ניט דארפען אין חדר אריין געהן
יום טוב מאכט זיך ניט אפילו איינער
אורחים ביים רבין איז ניט געוועזען קיינער
דא האב איך שוין נאר געדאנקט גאט
אז דער רבי האט אין קלויז א יאהרצייט געהאט
דעמאלט איז ער שוין אהיים געקימען מיט רויטע בעקליך
אונ האט א פנים געהאט וויא מאנדריש מיט דיא גלעקליך
אזוינע זאכען האט זיך אפילו אפט געמאכט
אז כע האט איהם פינ'ם קלייזעל שכור געבראכט
װארען וויא האט מען דען א מאהל געזעהן
אז א קלייזעל זאלל זיך א טאג אהן בראנפען אויסגעהן?
וויא אין דער חברה חיטים
געהט זיך ניט אוים א טאג אהן משפטים
נאר דאס איז ביי מיר געוועזען א קליינע טרעסט
װארען איבערען שכרות האב איך צווייא מאהל אזוי פיעל געלעזט
אז א גאנצע וואך לערענט מען ניט
מיז מען דאנערשטאג אפ געהן מיט בליט
אי דער רבי האט ניט געלערענט — פין וואנעט זאלל איך וויסען?
אמת טאקע ניט געלערענט! אבער וויפיעל האט ער געשמיסען?!...
נא, וואס קען מען טהין? שרייען איז שלעכט
איך ווייס אז דער רבי וועט בלייבען גערעכט.
נאך היינט רעכינט זיך ביי חברה קדושה א נס
אז זייא דערטאפען א געבילדעטען מת,
צי אזוי אייגער וואס האט ניט געהאלטען פין גיטע יודען
אונ איז פין חסידישע חפצות ניט געוועזען צופרידען
אז גאטט העלפט זייא ער שטארבט אפ
א דא קעהרען זייא איהם איבער מיט'ן פנים אראפ
אללע חברה לייט שכורען זיך אן,
דעם מת נעמט מען אריין אין מיט'ן קאהן
זייא בעטען איהם קלאמערשט מחילה, ער זאלל זיך מיהען
אונ תיכף הייבען אן פעטש פליהען
דער מיט א פאנטאפעל אונ דער מיט דיא הענד

## מרחשון

פין דיא פעטש ציטערען זאז דיא ווענד
וואס פאר א נבול פה, ווערט ביים מת אויסגערעט
און איטליכער זאגט איהם א ווערטעל מיט גרויס געשפעס
דער זאגט: אנא מיין טהייערער פאליסטראנט
וואס גיסט דוא ניט צוריק א פאטש מיט דער האנד?!
איינער זאגט: א יא שארלאטאן עס נעמט דיך דער רוח טאקע
נא זשע דיר, קוויק זיך מיט א מכה!
ער האט נעביך גאר ניט אזוי פיעל עונות
וויפיעל ער ליידט איבער פין זייא בזיונות!
אז מע קומט דעם גבאי דערצעהלען
לאזט ער נאך דורך א שליח באפוילען
אז אין פנקס איז אזא זאקאן
אז דיא לייט דארף מען שמייסען וויא ווייט מע קאן!
נא וואס זאלל מען טיהן? אוודאי קען דאס הארץ רייסען!
נאר דער גבאי הייסט אבער פארט ווייטער שמייסען?...
אצונד הויב איך שוין אן פארשטעהן
וואס איך האב געהערט ווען איך בין נאך אויפ'ן הימעל געוועהן
אז דער מלאך דומה האט זיך אנגעהויבען איבערלעגען
אז פין דיא גיטע יודישע גבאים וועגען
זיינען שוין זיינע מחבלים צו אלט
האט ער אויסגיקלויבען פין דעם עולם התהו באלד
פיער רוחות אזוי וויא דיא בערען
מיט אייזערנע הערצער אינ קופערנע שטערען
איינע פין א סבארשטשיק אין קארפאנאס
איינע פין א באנקיר אין סטאם
איינע פין א מסור א וואושנע אסאבע
און איינע פין א קליינשטעדטילשען חברה קדושה גבאי!...

---

## יודישע באנקען אין א סך מקומות

1 אין א סך שטעדט און שטעטליך איז פערהאנדען איין באנק איין אבשטשע, זיא הייסט ר' מאיר בעל נס פישקע, דיא באנק טהיילט זיך איין אין אטדעלעניעס, יעדער בעל הבית האט זיך זיין אטדעלעניע — לייהען פין איהר טאהר מען ניט, סיידען אויף אזא געהטיגען ענין וואס קומט ארויס דערפין א טובה דעם כלל; א שטייגער: אויף איין ארימער טויר התונה מאכען, אויף א כוסה מיט א קער-מעשעל אין עפיס א פרעהליבער נאכט צו סטארען זיך מע זאלל דעם לעהרער



ארויסטרייבען, אויף א זילבערען חנוכה לעמפעל דעם רבין א מתנה און קרוטה. פראצענט גיט מען אפ פאר זילבער קופער, דיא אללע דאחאדען פין דער באנק פאלען אריין צו דיא קליינע משולחים, פין דיא קליינע צו דיא גרויסע, פין דיא גרויסע צו דיא גרעסערע, פין דיא גרעסערע צו דיא נאך גרעסערע, פין דיא נאך גרעסערע צו דיא גאנץ גרויסע, פין דיא גאנץ גרויסע גאר צום גרעסטען, דורך דיא אללע הענד בלייבט ווייניגער 75% — דער גרעסטער נעמט זיך אויך 10% און דיא איבעריגע געהט אוועק גלייך קיין ארץ ישראל אויף דיא עולען און דארט פארטהיילט מען עס, קומט פינקט אן אויף יעדער דושע צו $3^1/_2$ קא"פ א יאהר, און ביז צום נייעם יאהר ווערט דיא באנק ווייטער סאסטאוועט בשלמות. —

2 אין ט... איז דא א קליינע באנק, זיא הייסט יצדקה לסבא קדישא אויף אונזער לשון הייסט עס יצדקה אויפ'ן שפאלער זיידען פין דער באנק מעג זיך שוין יעדער בעל הביתטע אויסלייהען אפילו אויף א פאר אוירינג, דיא באנק געהט שוין איבער א סך הענד, נאר אללע יאהר קומט צו פאהרען עפיס א גראבער זיינערמאכער, ער זאגט ער איז דעם סבא קדישא'ס איין אייניקעל און טראגט אויס דיא בלעכענע פישקעס און ווערט פארשווינדען. —

3 אין אנאטאווקע לעבען ב.. איז א טשאסטנע קליין באנקעל אויף ר' מטעלעס קבר, דארט זיצט א בעשטענדיגער ממונה מיט א פאר שיך און זאקען מיט א בערשידער טלית קטן — מע זאגט אפילו אז ער איז א כשר'דער יוד עס קען זעהר זיין — און ווער עס פארט נאר דורך אין אנאטאווקע — דארט איז דער טראקט קיין קיעוו — טרעט ער ניט אפ ביז מע מיז איהם געבען ניט וועניגער פין ג' פעמים ח"י אויף בוימעל פאר א נר תמיד אויפ'ן קבר — פין דער באנק לייהעט נאר דער ממונה אלליין, און דער נר תמיד שטעהט תמיד אין דער פינצטער. —

---

## ר"ח—כסלו

### דער מולד איז אויפ'ן הימעל.

דיא בלאטעס זענין גרויס
דיא פינגער פין דיא שיך שטעקען ארויס
פין אין דער פריה ביז נאכט
זיטץ נאר אין חדר פארשמאכט
איך וואללט ערגעץ אנטלאפען, איז ניטא וויא
אז א גאנצע טאג מאכט זיך דיא באד ניט צו
חסידים זיטצען ביז זייגער צוויא
מע רעט, מע שמיסט, א ליארעם, א געשרייא.

## כסלו

מופתים פליהען פון יעדען ווינקעל
וויא אזוי איין ארים יונגעל
האט זיין נשמה פארקויפט איינעם פון די כת לצנים
פאר צעהן טויזענד קערבליך מזומנים
דאס יונגעל איז געווארען זעהר רייך
אונ האט פארגעסען אין דער גאנצער זאך
ער איז כל ימיו געוועזין א גרויסער גביר
אונ געטהיילט פדיונות גאר אהן א שיעור
אמאהל איז ער צינגעגאנגען צום קאמאד אהן א שמירה
האט ער פליצים דערזעהן דאס שטר מכירה
וואס ער האט מיט'ן לץ געמאכט
בשעת ער האט איהם דאס עשירות געבראכט
ער גיט א קיק—ער איז געשטארבען מיט די ביינער
אויף אזא אומגליק האט זיך ניט געריכט קיינער
מארגען איז דער סראק, ער דארף די נשמה אפגעבען
אדא איז ער באלד געפארען צום רבין
דער רבי האט א קיק געטהין אונ אנגעהויבען לאכען:
עט, דאס איז פון די קליינע זאכען
געה זאג מיין גבאי דעם אלטען
ער זאל דיך איבער דער צייט אין מיין קעלער אויסבעהאלטען
כה הוה, די לצים זענען געקימען צוזייטען אויף פערד
נאר קיינער האט זייא ניט געהערט
ביז זייא זענען אוועק בבשת פנים
אונ דער גביר איז געבליבען ביי די מזומנים.
איך האב אויך אין באר דעם מופת געהערט
האב איך זיך טאקע באלד באקלערט
וואס זאל איך עס פון דעם גביר ערגער זיין?
ביי מיין טאטען איז דאך אויך דא א קעלער פין וויין
פאר וואסזשע זאלל איך מיך דארטען ניט אויפהאלטען
וועל איך זיך פארט קענען פינ'ם חדר אויסבעהאלטען
איך האב ליעב צו זאגען אונ מקיים צו זיין
איך האב מיך באלד איין געהאפט אין קעלער אריין;
נאר פליצים הער איך עמיצער געהט
אודאי דער משרת געהט צאפען מעד
נאר וואס טויג מיר, איך בעט איך, דער משרת!
בסך הכל אויף כפרות!
א דא האב איך זיך מיישב געוועהן



## כסלו

אונ האב א ווארף געטיהן א שטיין
זאלל גאר פון אזא פרישטשיקעל ווערען א קרעץ
מע זאלל גאר זאגען, אז אין קעלער איז דא א לץ!?
דער טאטע געהט שוין מיט א מנין אלע טאג
אונ איך ווארף, איך קלאפ, איך שלאג
מע ריפט וועדמים, מכשפות, באבעס
אונ דער טאטע לויפט צום רבין א יף שבת
דער רבי האט איהם געגעבען א סגולה
ער זאל אויסשניידען א שטיקעל פארמיט פון דער מגילה
וויא עס שטעהט דאס ווארט "אחשתרנים"
אונ דאס זאל ער אויסהענגען אין קעלער צום פנים
דער צו זאל ער נאך א דרעדעל צוטשעפען
וועט זיך באלד דער לץ אפקלעפען;
כה הוה, איך האב נאר דאס דרעדעל דערזעהן
האב איך שוין אנגעהויבען פערשטעהן
אז דא געהט שוין חנוכה אויף דערביא
בין איך דאך שוין בלויז פינ'ם חדר פרייא
אזוי בין איך באלד פינ'ם קעלער ארויס
אונ דער שם אין שטאדט איז געווארען אוס
אוים לץ, אוים רוח; אוים מכשפות
אונ דער רבי איז טאקי א בעל מופת!...

מיר האט זיך דא געעפענט א נייע וועלט
איך האב זיך אנגעהויבען סטארען חנוכה געלט
איך האב שוין בעצייטען געקויפט א דרעדעל
אונ האב געפיהרט דאס גאנצע רעדעל:
דער טאטע האט נאר דאס לעמפיל אוועקגעשטעלט
האב איך איהם באלד געמאנט חנוכה געלט
ער האט מיר גאר אראפ געלאזט א פאטש
אוועק פון מיינע אויגען דוא גראבער יונגאטש!
נא, איך מיז זיך האלטען אונ מאכען א שוויין!
אלע יונגלעך האבען מיר געשטעלט א גרויסע פיין
דאס דרעדעל האט מיר דעמאלט אויסגעזעהן
וויא א יורענע וואס דער רבי האט איהר מבטיח געוועהן
אז זיא וועט האבען א יונגעלע פון זיין סגולה.
אונ זיא נעהט איהם דערווייל אויף א יארמילקילע
אונ אז זיא איז גאר מפיל, אדער זיא האט נאר א מעדעל

## כסלו

טויג איהר דאס יארמילקע וויא מיר דאס דרעדעל! ...
נאר דיא מאמע האט מיר אויף להכעיס געגעבען צוויא מאהל אזוי פיעל
איך האב אנגעהויבען מאכען א שפיעל
איהר מיינט איך האב חאטש א מאהל געווינען–עס הייבט זיך גאר ניט אן
איך האב אפילו ניט אויסגענימען איין קאהן
עס האט זיך אפילו געחדושט א יעדער:
איך בין דאך יא דאס בעסטע יונגעל פינ'ם חדר
פאר וואסזשע אז איך דארף שוין געהן קוים
מאך איך «נס», אדער «שם»?
מאהלט אייך היינט איז מיר דאס קיין חדוש ניט
היינט זעה איך אזוינע ביישפילען אלע מינוט;
א מענש וואס איז דער גרויסער בר מעלה
קען ער זיך נעביך ניט געפינען קיין התפעלה
ער זאלל קריגען אין דער היים זיין שטיקעל ברויט –
איטליכעס פיצעלע קימט איהם אן מיט'ן טויט
ביים היימישען גביר א שטעלע
קריגט ער ניט אויף קיינע פעללע
ווארום וואס זנאטשעט איין ארימער שרייבער אין דער וועלט
בייא אזא פעטען גביר מיט דיא טארבעס געלט?
ובפרט אז יענער איז ביי זיך אזוי שטאלץ אונ גרויס
אונ זעצט איהם א מאהל א פעהלער אויס...
קימט ער צום פרעמדען סוחר, צום פרעמדען גביר
אזוי האפט ער איהם באלד שטעהענדיג אויף דער טיהר:
«דאס זענט איהר אודאי מיין ליבער הערר
וואס שרייבט אין דיא גאזעטען פין פעדער-שער?
אזוי, זענט איהר א גאזעטען-שרייבער גאר
געהט זשע געזונדערהייט איהר זענט מיט מיר ניט קיין פאר,
אז איהר האט זיך גאר גענימען אויף אזויגע פיסטע וועגען
קענט איהר צו קיין געשעפט אודאי ניט טויגען!
אונ צום אמת וואס טויג איהם אזוינע פיסטע גענג
וואס איז איהם אין ספאדעק אזוי ענג?
אז גיטע יודען פארפיהרען דיא וועלט?
אז קהל'ס לייט פארקויפען דאס קהל פאר געלט?
אז געפאסעטע נגידים פארשוואונדען דעם ארימאננס טרוד
אז חסידים פלוידערען זייערע פאטשטען אין באד?
אז געבילדעטע פיהרען צווישען זיך היינטישע שטיק?
אז דיא אלטגעזעסענע מחברים האבען פיינט דיא היינטיגע קריטיק?



## כסלו

אז חסידישע ווייבער לעבען אפ וויא שקלאפען זייער וועלט?
אז אונטער א פיקסענער-מאסקע איז דיא אריסטאקראטיע פארשטעלט?
אז עלטערען זענין דעספאטען אקעגען דערוואקסענע קינדער!
דאס נעמט אלץ אן דער בידנע שרייבער פאר ווינדער.–
אפנים ער איז נאך ניט ערפאהרען אין דער וועלט
ער ווייסט נאך ניט וואס פאר רציחות שטעקען אינ'ם געלט
א געבערעכטער, א פאסקידניאק, א ניכטם, אבי מזומנים
איז ער שוין פין דער העלער הויט איין עזות מחוצף פנים
א יונגאטש, א גראבער פליגעל אהן קאפ אהן צונג
ווערט ער א בעל עצה, א בריה, א חכם אין אלסדינג
נאך מעהר חדוש אז א העכסטגעבילדעטער מאנן
וואס האט מיטלייד מיט יעדען וויא ווייט ער קאן
קוים בעקימט ער דיא מאני, העהע!
איז שוין דיא בילדונג חלשות פע!
דער ארימער געבילדעטער שטעהט איהם שוין ניט א
בעסער מיט איין רייכען גראבען יונג אין קאהן
איידער מיט צעהן ארימע געלערענטע קלוגע;
«גענוג זיך» זאגט ער «מאכען משוגע»
איך בין שוין עפעס דאנקען גאט איין עושר א לייט
זאל איך מיט דיא פוילע מחברים פארברענגען דיא צייט?
אונ בייא דעם קריטישען שרייבער איז דאס אלץ חדושים
ער פערטיעפט זיך אין דעם מיט אללע זיינע חושים
נאר, נארו האב נאר דוא דיא יענקעליך – וועסטו זעהען
וואס פאר א טייערער עזות פנים דוא וואללסט געוועהן?
דוא וואללסט קיין געבילדעטען ניט געלאזט אויף דער טיהר
אזוי וויא דיך לאזט אצונד ניט דער גביר
קוים ניט פראסע, ווייץ, שקאנטע, אקציע, בילעט
וועסטי פין איהם אליין מאכען דאס נרעסטע געשעפט
אינ'ם געבילדעטין יאהרהונדערט פירט זיך דאס אלץ אזוי
אז דיא קאמערציע קיקט אויף דער בילדונג וויא אויף א שטרוי
גלייכער חלעבען מיט'ן פערשייטען חסיד צו האבען אפיר
איידער אנקימען צום געבילדעטען גביר
דערוייל מיטשעט זיך דער בר מעלה אין זיין נויטה
איהם פאלט נאר שם! דארט איז זיין טויט!
אונ דוקא דער גראבער יונג, דער פיסטע עם הארץ
ער לעבט זיך בייא זיך אין דער היים וויא א פריץ
איהם פאלט נאר גדול! זיינע געשעפטען זענין גרויס!

# כסלו

ער פאהרט ניט א שאג פון זיין היים ארויס
ער איז געזונד און שטארק, גראב און פעט
און שטארבט אין נחת אויף זיין אייגען בעט!...

קירץ איך האב א קיק געטיהן איך פארשפיעל
האב איך אנגעהויבען דרעהען דאס דרעדעל וויא א מיהל
כל זמן עס האט זיך געדרעהט בין איך גליקליך געוועהן
מיין סוף האב איך געוויסט ווען עס האט אויפגעהערט דרעהען.

אזוי דרעהט דאס געלט
מיט דער וועלט
מיט'ן געזינד
זעהר געשווינד
אין דעם אויגענבליק
ווען דאס גליק
דעם מענשען גילט
און דאס מזל שפילט
פאדראטשיקעס טראסקען
קאנטארען פליאסקען
א יריד, א קאנטראקט
מע פייפט, מע קנאקט
מע ווארפט, מע שיט
רענדליך דעפאזיט
א יונג מיט שפארען
פיהרט קאנטארען
פערשאפט קרעדיט
ניט געריהט
נאר געפלויגען
סחורות באצויגען
פון יעדען ארט
דעם בעסטען סארט
דאס קוויטיל געהט
דאס רעדעל דרעהט
דיא פארטאנע שפילט
וויא היין ער צילט
דיא הצלחה טאנצט
דער נאמען גלאנצט

מע פארט ניט א שפאן
אהן דעם פייעטאן
דאס ווייב דיא פאנע
שפילט נאר פיאנע
אללע נאכט
באלער געמאכט
אין גרויסען שטאנד
גלייך קיין אויסלאנד
דאס מזל קנאקט
אלץ צום טאקט
פליצים גאר
אוים קאנטאר
אוים הייזער און בעדער
אוים גערטנער און סעדער
אוים בריליאנטען
אוים דימאנטען
אוים זילבער און גאלד
אוים תבואה, אוים וואלד
אוים צירונג, אוים קליידער
אוים קאריטעס אוים רעדער
אוים בילעטען און קוויטען
אוים טהעאטער און וויזיטען
דאס ארט שוין פאר קיהלט
דער דלות שפיעלט
דער אביון גלאנצט
און דער קבצן טאנצט
אלעס קימט אפ
דאס רעדעל דרעהט אראפ!



# שאלות

1 — מיט וואס קומט א חתן דאס ערשטע מאהל צום מחותן?
2 — וואסער לעכט ברענט לענגער: א פינפער צי א זעקסער?
3 — וואס טוהט מען ווינטער אהן הייצונג?
4 — וועלכע איז בעסער, דאס ערשטע צי דאס אנדערע ווייב?
5 — וויפיעל פייגעל איז דא אויף דער וועלט?
6 — ווען לעבט איין אריםמאנן?
7 — וויא איז גוט אויסצופאטשען א גנב?
8 — וויא אזוי דערקענט מען א גנב?
9 — פאר וואס טאהר א שניידער ניט טראגען קיין שטרייטעל?

# תשובות

1 — מיט דיא פיעס. –
2 — זייא ברענען ביידע קערצער. –
3 — מע פריהערט.
4 — דיא דריטע. –
5 — האלב וויא פליעגעל.
6 — ווען א נגיד שטארבט. –
7 — אין דיא באקען. –
8 — אז מע חאפט איהם מיט דער גנבה. –
9 — ער איז ניט קליין צו עסען זויערמילך. –

# ר״ח—טבת

## דער מולד נאך דער אלטער לבנה.

איך האב א קיק געטוהן עס העלפט צו דער שפיעל־קיין פלאן
בין איך געווארען גאר איין עהרליכער מאנן
איך האב זיך גאר אויף גאט פארלאזט
און בין מיט'ן דרעדעל געגאנגען גאר פראסט
עס האט מיר פאוואליע אנגעהויבען גליקען
און איך האב זיך אנגעהויבען אין דיא פעדערען רוקען
אקעגען א האלב קערבעל איז שוין דא
אזוי בין איך געלאפען טאקע אויף דער הייסער שעה

קויפען א מעסערל אין קלייט
די קרעמערס האבען זיך דערפרעהט
גלייך ווי זיי דער זעהען
איין אריכען פראנטיק געהן
ווען ער האט עטליכע גילדען דערטאפט
און האט זיך אין מארגע מאגאזין אריין געחאפט
די אלטע הויזען אויף נייע אויסבייטען
צוא קויפען עפיס א רעקעל צו לייטען
א דא נעמט שוין דער קרעמער די הויט
ווארען ער דערפיהלט דאך אז איהם איז א נויט
מן הסתם דארף ער היינט אין טהעאטער געהן
וויל ער מע זאלל איהם אין די נייע הויזען זעהן
צו אפשר אויף א באלל – אפשר א מאסקאראר
אפשר א שפאציר, אפשר א פארארר
לאז שוין זיין וואס עס איז
אבער ביי איהם איז דאך דאס א מוז
און א יודישער קרעמער דארף זיך מעהר ניט
נאר ביי יענעם אויסצאפען דעם לעצטען טראפען בלוט
מיט טויזענטער שקרנות
מיט שבועות, מיט נאמנות
ער גיט איהם שוין הויזען ווי מיין מעסערל אקוראט
און באווייסט זיינע קליידער אויפ'ן העכסטען גראד
ער נעמט זיי אן אלע אין הערט
פונקט א הונדערט חלק נאך זייער ווערטה...
ביי דעם שטיקעל סחורה
שווערט ער אפ גאט און די תורה
לייב און לעבען מיט געזונד
זיך און ווייב און קינד
און ווייזט איהם נאך א חנופישע תנועה:
יענער זאלל מיינען, ער האנדעלט א כשרע מציאה!

איך האב מיר שוין חוץ דעם מעסערל פארגעשטעלט
איך זאלל נאך ביי אללע יונגלעך געווינען דאס געלט
מיט דעם זינן האב איך זיך געזעצט שפּילען
און האב פארשפּילט דעם לעצטען גילדען!
וואז מעהר איך האב פארשפּילט
מעהר ברען אין הארץ האב איך דערפיהלט
א דא האב איך שוין דאס מעסערל איינגעשטעלט



טאמער וועל איך מיט דעם אפגעווינען מיין געלט
נאר אויף צו להכעים האט מיר עפיס ניט געגילט
און איך האב דאס ליבע מעסערל אויך פארשפּילט!
איך וואלט געוועזען די נשמה איינגעשטעלט
אבי האטש אפ געווינען מיין געלד
היינט וואס זאלל מיר שוין זיין א וואונדער
וואס א קארטיאזשניק שטעלט איין ווייב און קינדער
אז א דרעדעל איז דאך גאר א יודישע זאך
פּריטא דערצעהל איך דאך אייך
אז איך האב געברענט מיט איטליכען אבר
און עס וואלט מיר אסך ניחער געוועזען דעם קבר
נאר צום אמת פון אזוינע יודישע זאכען א סך
קען מען ווערין צו לייטען גלייך
און הלוואי וואלט מען דאס דרעדעל ניט געזעהן
וואלט קיין קארטיאזשניקעס אויך ניט געוועהן!...

## איינינע חדשות

נאך אין ר' שימצים צייטען ווען מע פלעגט געפינען א סך וואלאוועקעס האט מען דערמעלט געפינען א מדינה וואס דארט איז א האלב יאהר זומער און א האלב יאהר ווינטער – מע האט שוין אפילו געוואלט שיקען מענשען א היין – נאר עס איז אונמעגליך א היין צו צוקומען איבער די דארטיגע ווילדע חיות!... נאר מע פארהאפט אז מיט דער צייט וועלין דארט מענשען אויך וואהנען!...

מע זאגט, אז אין שנת תרי"ח אין חודש תמוז, כאמע אום מיטוואך פארנאכט איז אויף דעם נייעם מארק אין בערדיטשוב, ניט ווייט פון דער שיל, לעבען איין אלטען פארקען געשטאנען – א טהייל זאגען געזעסען – איין אלטע יודענע איבער א פייער טאפ! –

מע זאגט, אז די פאדראטשיקעס פון פאסטרויקעס האבען שוין געפינען א גוט מיטעל, אז די פאסטרויקעס זאללען זיך ניט איינוואלגערען נאך איידער מע קאנטשעט זיי! –

## ר"ח – שבט

### דער מולד איז פאר ראש חודש.

אך ווי פרעהליך איז מיר אויפ'ן הארץ געוועהן

## שבט

אז איך האב דעם ליעבען חודש דערזעהן
ער איז געוועזען דער ערשטער באוויז
אז מע דארף זיך שוין גליטשען אויפ'ן אייז
מיר האבען זיך פינ'ם חדר מן הסתם אויסגעדרעהט
אונ זיך נאר געגליטשעט אויף וואס דיא וועלט שטעהט!
וויא אזוי האבען מיר עם אנגעקוואללען
אז א חברה=מאנן פון אונז איז געפאללען!
אונ וואס מעהר ער האט זיך פאר א קאליקע געמאכט
מעהר האבען מיר אלץ געשמאקער געלאכט!
אזוי פיהרט זיך אלץ דיא וועלט
אז איינער אויפ'ן אנדערנס אומגליק לאכט אונ קוועלט
דערהערט מען א גלאק פון פאזשארנע אינסטרומענט
א דא לויפט דער עולם וויא ווייט נאר געקענט.
אונ ער שעצט זיך עם פאר'ן ערשטען גליק
אז ער טרעפט נאך דאס פייער ביים גרויסען אומגליק
טרעפט ער שוין אפגעלאשען – בעקומט ער גרויס צער
אונ ער האט עפים ביא זיך אליין א פנים פון א נאר
וויא אונצופרידען בלייבט מען עפים שטעהן
אז מע טרעפט שוין דאס פייער פארגעהן!...
האט איינער א בזיון, א צרה, א שמארץ
בעקומט עפים דער אנדערער א שמחה אין הארץ!...
אפילו סטודענטען אין אוניווערזיטעט
קוועלען אונ מאכען גרויס געשפעט
ווען איינער ביים עקזאמען ווייסט ניט גאר
אונ ער מוז איבערבלייבען נאך אויף א יאהר....
אזוי איז שוין אריינגעגעבען אין דער נאטור
פאר וואס דאס איז? ווייס איך ניט גאר...

## שאלות

וואס איז ערגער פין איין יודען?
פאר וואס איז אין סאקאליפקע אזא שלעכטער גערוך?
ווער געהט דורך א פארשלאסענעם קרעפאסט?
ווען בעזערגט זיך ניט דער בעל הבית פאר'ן געגעה?
וואס האבען יודען געטוהן אין דער מדבר?



## תשובות

1 — צווייא יודען. –
2 — ווייל דער רבי האט פין דארט איין אפטרעט געמאכט?
3 — דער טויט אונ דער דלות. –
4 — אז מע נעהט איהם תכריכים. –
5 — זייא זענין אויסגעריסען געווארען. –

## ר"ח – אדר

### דער מולד איז היינט אדער מארגען, זיין וועט ער אודאי

אט אויף דעם חודש האב איך שוין לאנג געהארט
דאנקען גאט – איך האב זיך דערווארט
דער חודש איז געוועזען וויא א סיגנאל
אז דא וועלין שוין געהן ימים טובים איבעראלל
אונ אז איך האב שוין דער לעבט דיא צייט דיא פיינע
אודאי האב איך געמיינט, דיא גאנצע וועלט איז מיינע
דערמעלט האבען מיר געפטורט דיא צרה
פין לערנען רש"י אונ גמרא
מע האט שוין געלערענט גאר אנדערע זאכען
מע האט פשוט געקענט צי זעצט ווערין פאר לאכען;
שלמה המלך'ס שטול מיט דיא צוועלף טרעפ
דיא זילבירנע לייבען מיט דיא גילדענע קאפ.
וואס האבען דערקענט פאלשע עדות
אונ געוויסט אללערלייא סודות
עס האט פשוט דער קוויקט אין איטליכען אבר בעזונדער
צי הערען פינ'ם תרגום שני אללערלייא ווינדער
א כלל טע לאכט אונ מע לאכט
אונ דער צי הערט מען אויף געהן בייא נאכט!...

## פורים.

אז אך אונ וועה איז טאקי אלץ מיר
וויפיעל איך האב זיך געפלאגט אהן א שיעור
א גאנץ געהענדיגען ווינטער
בין איך אין כח געגאנגען דער הינטער
איך האב אין זיך כמעט גאר פארגעסען
קיין איבערבייסענס האב איך ניט געגעסען

## אדר

איך האב אלע טאג פארקויפט דאס ברויט
און האב אלץ פון זיך געשינדען דיא הויט
איך האב אויף קיין פערגעניגען ניט געפרעגט
און האב אלץ דאס געלט אויף פורים אוועקגעלעגט
צום סוף אז איך האב שוין יא זוכה געוועהן
דעם ליבען פורים צי דערזעהען
דארף זיך מיך דער מאטע גאר הרגנין שלאגען
און איך זאלל מיר יאהר און טעג באקלאגען !...
צוזוי אזוי פארברענגט מען דאס לעבען
אז מע ווילל דער האפנונג אלץ גלעבען
מע שטופט אוועק דעם היינט פאר'ן מארגען
מע איז פולל זיפצען און זארגען
מע קוקט ניט אויפ'ן גליק וואס איצט
מע וואלט עס אלץ גערען אפ געניצט
אויף שפעטער, אויף שפעטער.
און דער שפעטער איז ווי א לייטער
וואס האט ניט קיין ברעג
אהן א סוף, אהן איין עק
מע קלעטערט, מע קריכט
מע נישטערט, מע זיכט
דיא האפנונג איז דיא טרעפ
מע פערבייסט אלץ דיא קאפ
מע זאלל שוין דערזעהן דאס ארט
וואס זיא האט געגעבען איהר ווארט
אז דארט וועט זיא שוין אפגעבען
א שטיקעל נחת צום לעבען; —
אבער וואס מעהר מע פארבייסט דעם קאפ
מעהר האפט מען א קלאפ
מע בייט טאג אויף טאג
פרייד אויף קלאג
יאהר אויף יאהר
שווארצע אויף גראהע האר
און דעם אויגענבליק
וואס מע האט יא דאס שטיקעלע גליק
לאזט מען דאס אלץ אוועק
מיט א פאלשען צוועק:
אז שפעטער איז בעסער



## אדר

שפעטער וועט דאס גליק זיין גרעסער
אזוי לאנג, אזוי ברייט
ביז דיא צייט פארגעהט
דיא האפנונג זעצט אן
דער טויט טאנצט אין קאהן
האר און האר
און מע שטארבט א נאר !...

א קצור דאס הארץ איז מיר געוועהן פארשטיינט
איך האב זיך גוט אויסגעוויינט
נאר אינמיטען דעריגען האר איך עפיס בריטט
שא! מיינע חברים זעניין דא ! איסקאצעל קומט !
מיר האבען זיך איטליכער גענוטען דאס ביסעל ארימקייט
און מיר זעניין געגאנגען קויפען פורים־גרייט
מיר זעניין נאר געקומען אין יודעשען מארק
העי, העי, עס איז שוין פארוואלגערט מיט צוקערוווארג
איטליכם בעזונדער
איז א גאטעס וואונדער
וואס מע זעהט מיט דיא אויגען געפעללט
היינט נעה וויס, אויף ו אם פריהר אויסגעבען געלט
אזוי האבען מיר געקלערט אויפ'ן שטייגער
איין ערך פון צוויא שעה א זייגער
הלואי וואללט מען אזוי בעטראכט
יעדער זאך איידער עס ווערט געמאכט !
מע קען דאך פשוט צושפרונגען ווערען
אז מע הייבט זיך אן באקלערען
וויא אזוי אונזערע פולישע יודען
זעניין גאר העכסט צו פרידען
אז זייא טוהען א שרוך מיט זייערע קינדער
״אי זאגט ער יא שרוך״ גאר א ווינדער !״
טרעפט זשע וויא אזו ווערט א שרוך געמאכט;
מע קימט זיך צינויף אין א שענק האלבע נאכט
צווייא פיינע מחותנים
האבען קיינס ניט א גראשען מזומנים
זייא האבען ביידע ליב דעם לעק
הויבען זייא אן טרינקען, איז אהן איין עק
אזוי זעצט מען זיך טרינקען א רעדעל
דער האט א יונגעל און דער א מעדעל

## אדר

איינֶער מאַכְט זִיךְ צום עזות פָּנים
«לְחַיִים בְּרוּדֶער! לאָמִיר זַיין מְחוּתָּנים!»
בַּייא אַ שְׁקאַליק סְפִּירְט וֶוערְט אַ וואָרְט
און מֶע שְׁלִיסְט אַ שִׁדוּךְ אויפְ'ן אָרְט
זַייא גֶעהֶען בֵּיידֶע אַהֵיים טוּיט שִׁכּור
«הֶאָרְסְטוּ מַיין וַוייבּ אַ שִׁדוּךְ, זִיס וִויא צוּקֶער!»
–וואָס מִיר שִׁדוּךְ? וואָס רֶעדְסְטוּ שִׁכּור? –
«זאָלְסְט אָבֶער וִויסֶען מַיין וַוייבּ דֶעם גַאנְצֶען עִיקר
«ר׳ דָוִד׳עֶל טְרַיינֶעס איז זַיין מוּמְעס אַ זֵיידֶע
און דֶערצוּ האָבּ אִיךְ נאָךְ גֶעהאָרְט אַ רֶעדֶע
אַז ר׳ גֶעצִילֶס גַבַּאי
«האָט זִיךְ אָנְגֶעקֶעהְרְט מִיט זַיין באָבֶּע
«לַייבְּלִיכֶע גֶעשְׁוְועסְטֶערְקִינְדֶער
«אַוַדַאי אִיז מִיר שוין גאָר נִיט קַיין וִוינְדֶער
«וואָס מֶע רוּפְט אִיהם אויף תָּמִיד שְׁשִׁי
«עֶס זאָלל דִיר גאָר נִיט זַיין צוּ קַיין בּוּשָׁה!
«הַיינְט דאָס בָּחוּרֶ׳על אַלֵיין
«חאָטְש אִיךְ האָבּ אִיהם טאַקֶע נִיט גֶעזֶעהֶן
«פְּרִיטאָ כֶעג מֶען שְׁטֶעלֶען אויף ר׳ זְכַרְיָה בְּרִיטְען
«און טאַקֶע אויפְ'ן מְחוּתָּן
«האָבּ אִיךְ פוּן זַייעֶר מוּיל גֶעהֶערְט
«אַז דֶער חָתָן אִיז שוין לַאנְג וֶוערְטָה
«אַ כַּלָה מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת
«וואָרֶען עֶר קֶען שוין פַּסְקִינֶען שַׁאֲלוֹת
«עֶר אִיז טאַקֶע נִיט אַזוֹי שאָן
«נאָר יוּדֶעשֶׁער חֵיין
«אִיז אוּמֶעדוּם בִּיטֶער
«און אַקאַלִיש אִיז תָּמִיד שִׁיטֶער!»
דאָס וַוייבּ קוּקְט אִיהם אָן
און עֶר אִיז דאָ גוּט אָנְגֶעטאָהן
אַ גֶעפִּילְדֶער, אַ גֶעשְׁרֵייא
דאָס וַוייבּ שְׁרַייעט: אָךְ און וֶועה!
וואָס דִיר, שִׁכּור גֶעפֶּעלְלְט
דאַרְפְסְטוּ פַאַרְוְוייסְטֶען דֶעם קִינְד אִיהר וֶועלְט?
דִיא דִינְסְט שְׁרַייעט פוּן דֶער קִיךְ
יֶענְטָעלֶע וַויינְט פאַר זִיךְ
דִיא נִי־נֶקֶע רַייסְט זִיךְ אויף דִיא גְלַייכֶע וֶוענְט



## אדר

«סְטַאטְש, אִיךְ האָבּ יֶענְטֶעלֶען אוֹיסְגֶענְיאַנְטְשֶׁעט אויף מַיינֶע הֶענְט
«וֶועט אִיהר זִיךְ גאָר אַזוֹינְס לאָזֶען האָרֶען?
«בְּלִיט זאָלל דאָ פאַרְגאָסֶען וֶוערֶען
«און טאַקֶע דִיא מִינוּט
«אִיז דֶער שִׁדוּךְ קַיין שִׁדוּךְ נִיט!»
נאָר וִויא פֶערְשְׁטֶעהט אִיהר?
אַזוֹינֶע מַעֲשׂוֹת וַוייסְט מֶען שוין פְרִיהֶר!
אַז פִיעל בְּלוּט וֶוערְט טאַקֶע פאַרְגָאסֶען
און אַזוֹינֶע טוֹיזֶענְטֶער שִׁדוּכִים וֶוערֶען גֶעשְׁלאָסֶען
אַ חָתָן גְרוֹיס וִויא אַ פַיג
און דוּא כַּלָה! שְׁוַויג!
אַ כַּלָה קְרוּם און לוּם
און דוּא חָתָן – שְׁטוּם!
אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַ פּאָר פאָלְק
און מֶע מאַכְט חֲתוּנָה אָהן טאָלְק
אוּם גֶעזֶעהֶען און אוּם גֶעטְרַאכְט
דִיא קִינְדֶער מֶעגֶען זִיךְ דִיא נָעז אָפְּבַּייסֶען
און קַיין תְּנָאִים טאָר מֶען חָלִילָה נִיט צִיבַּרייסֶען!...

אַ כְּלָל מִיר האָט פאַר נאַכְט זֶעחר גֶעגְלִיקְט
אִיךְ האָבּ מַיין שְׁלוֹחַ מָנוֹת אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט
מִיט אַ פְרֶעמְד יוּנְגֶעל וואָס אִיךְ האָבּ נִיט גֶעקֶענְט
האָבּ אִיךְ פאַרְטְרוֹיעט דֶעם שְׁלוֹחַ מָנוֹת אויף זַיינֶע הֶענְט
נאָר וִויא טאָר אִיךְ עֶפֶּיס צוּפְרִידֶען זַיין?
דאָס יוּנְגֶעל אִיז אַוֶועק, וִויא אִין וַואסֶער אַרַיין!
אִיךְ קוּק אַלְץ אַרוֹיס צִי דאָס יוּנְגֶעל גֶעהט
דֶער וַוייל אִיז גֶעוואָרֶען זַייעֶר שְׁפֶּעט
און אִיךְ האָבּ שוין פאַרְשְׁטאַנֶען גאַנְץ גוּט
אַז אִיךְ חאָבּ גֶעטוּהן אַזוֹי וִויא אַ פְלוּט
וואָס אִיךְ האָבּ אַלְץ אִין טָעוּת גֶעלֶעבְּט
און האָבּ זִיךְ אויף אַ פְרֶעמְד יוּנְגֶעל פֶערְגְלוֹיבְּט! –
אַזוֹי פִיהְרֶען זִיךְ עֶלְטֶערֶע מֶענְשֶׁען אויךְ
זַייא לאָזֶען זַייעֶר פאַרְמֶעג מִיטְ׳ן וִוינְד און מִיטְ׳ן רוֹיךְ
דֶערְזֶעהֶן זַייא עֶפִּיס אִין וַוייסֶען אַ מֶענְשֶׁען
לוֹיפֶען זִיךְ אַלֶע בַּאלְד צוּ אִיהם בֶּענְשֶׁען
אוּם גֶעטְראַכְט, אוּם גֶעקְלֶערְט
צִי אִיז עֶר עֶס גאָר וֶוערְט
לוֹיפְט מֶען פוּן דֶער נאָוֶוענְט און פוּן וַוייטֶען!

## אדר

איינער מאכט זיך צום־עזות פנים
„לחיים ברודער! לאמיר זיין מחותנים!"
ביי א שקאליק ספּירט ווערט א ווארט
און מע שליסט א שדוך אויפ׳ן ארט
זייא געהען ביידע אהיים טויט שכור
„הארסטו מיין ווייב א שדוך, זיס וויא צוקער!"
–וואס מיר שדוך? וואס רעדסטו שכור? –
„זאלסט אבער וויסען מיין ווייב דעם גאנצען עיקר
„ר׳ דוד׳על טרייניעס איז זיין מומעס א זיידע
און דערצו האב איך נאך געהערט א רעדע
אז ר׳ געצילס גבאי
„האט זיך אנגעקעהרט מיט זיין באבע
„לייבליכע געשוועסטערקינדער
„אוודאי איז מיר שוין גאר ניט קיין ווינדער
„וואס מע רופט איהם אויף תמיד ששי
„עס זאלל דיר גאר ניט זיין צו־קיין בושה!
„היינט דאס בחור׳על אליין
„חאטש איך האב איהם טאקע ניט געזעהן
„פריטא כעג מען שטעלען אויף ר׳ זכריה בריטען
„און טאקע אויפ׳ן מחותן
„האב איך פון זייער מויל געהערט
„אז דער חתן איז שוין לאנג ווערטה
„א כלה מיט אללע מעלות
„ווארען ער קען שוין פסקינען שאלות
„ער איז טאקע ניט אזוי שאן
„נאר יודעשער חיין
„איז אומעדום ביטער
„און אקאליש איז תמיד שיטער!"
דאס ווייב קוקט איהם אן
און ער איז דא גוט אנגעטאהן
א געפילדער, א געשרייא
דאס ווייב שרייעט: אך און וועה!
וואס דיר, שכור געפעללט
דארפסטו פארוויסטען דעם קינד איהר וועלט?
דיא דינסט שרייעט פון דער קיך
יענטעלע וויינט פאר זיך
דיא נ[illegible]קע רייסט זיך אויף דיא גלייכע ווענט



## אדר

„סטאטש, איך האב יענטעלען אויסגעניאנטשעט אויף מיינע הענט
„ווערט איהר זיך גאר אזוינס לאזען הארען?
„בליט זאלל דא פארגאסען ווערען
„און טאקע דיא מינוט
„איז דער שדוך־קיין שדוך ניט!"
נאר וויא פערשטעהט איהר?
אזוינע מעשות ווייסט מען שוין פריהער!
אז פיעל בלוט ווערט טאקע פארגאסען
און אזוינע טויזענטער שדוכים ווערען געשלאסען
א חתן גרויס וויא א פייג
און דוא כלה! שווייג!
א כלה קרום און לום
און דוא חתן – שטום!
אזוי נעמט מען א פאר פאלק
און מע מאכט חתונה אהן טאלק
אום געזעהען און אום געטראכט
דיא קינדער מעגען זיך דיא נעז אפּבייסען
און קיין תנאים טאר מען חלילה ניט צירייסען!...

א כלל מיר האט פאר נאכט זעהר געגליקט
איך האב מיין שלוח מנות אוועקגעשיקט
מיט א פרעמד יונגעל וואס איך האב ניט געקענט
האב איך פארטרויעט דעם שלוח מנות אויף זיינע הענט
נאר וויא טאר איך עפּיס צופרידען זיין?
דאס יונגעל איז אוועק, וויא אין וואסער אריין!
איך קוק אלץ ארויס צי דאס יונגעל געהט
דער ווייל איז געווארען זייער שפּעט
און איך האב שוין פארשטאנען גאנץ גוט
אז איך חאב געטוהן אזוי וויא א פלוט
וואס איך האב אלץ אין טעות געלעבט
און האב זיך אויף א פרעמד יונגעל פערגלויבט! –
אזוי פיהרען זיך עלטערע מענשען אויך
זייא לאזען זייער פארמעג מיט׳ן ווינד און מיט׳ן רויך
דערזעהן זייא עפּיס אין ווייסען א מענשען
לויפען זיך אללע באלד צו איהם בענשען
אום געטראכט, אום געקלערט
צי איז ער עס גאר ווערט
לויפט מען פון דער נאווענט און פון ווייטע.

## אדר

אונ מע טראָגט איהם געלט פון אַלע זייטע
דער בעט איהם מחילה אויף זיינע זינד
דער פרעגט איהם אַ שרוך פאַר זיין קינד
דער צעהלט איהם נאָך צו אין בייטעל פריהר
ער זאָל נעמען זיין טאָכטער פאַר אַ שניער
יעדער רעכענט זיך פאַר אַ מציאה
אַז ער האָט דיא זכיה
זיך אָנצורירהרען אין זיין פיקסען מיצעל
צי אַ גלעט טוהן זיין שטריימעל בייא אַ שפּיצעל
יונג אונ אַלט, אָרום אונ רייך
קוקען איהם אין מויל אַריין גלייך
דעם הייסט ער פאַר שוחט מאַכען אין שטאָדט
דעם פאַר אַ בעדער אין באָד ·
דעם פאַר אַ מלמד צו דיא קינדער
דעם אין יאַטקע פאַר אַ שינדער
נעציל זאָל זיך מיט שטערלין משדך זיין
חיימען זאָל מען לעגען אין חרם אַריין
פאַר וואָס ער האָט נישט געפאָלגט קהל
אונ האָט אָפּגעגעבען זיין יונגעל אין ראַבינער שול
פון מרדכן הייסט ער נעמען אַ נקמה
פאַר וואָס זאָגט ער, אַז ניט קיין יוד האָט אויך אַ נשמה!
אַ כלל, ער טהיילט יעדען פון זיין עולם הבא אַ חלק
אונ וואָס ער לאָזט אַרויס פינ׳ם מויל איז היילִיג
צום סוף וואָס איז ער אַליין?
אָט וויא איהר וועט איהם זעהן:
אַ גראָבער יונג
אַ פּיסטע צונג
אָהן געלד, אָהן סחורה
אָהן חכמה, אָהן תורה
זיצט אויבען אָן אונ קרימט דאָס פּנים
אונ דוא טראָג איהם אָפּ דאָס ביסעל מזומנים!...

איך האָב אַ קוק געטוהן עס איז שוין גאַנץ שפּעט
אַזוי האָב איך צו וואָרפען דאָר גאַנצער פּורים גרייט
וויא אַזוי עס איז מיר פריהר געוועזען ליעב
צונד האָב איך עס ניט געקענט ליידען אין שטוב! —
אַזוי פיהרען זיך עלטערע מענשען אַ סך
מע קויפט וואָס מע דע זעהט פאַר אַ זאַך



## אדר

וואָס עס פאַרגלוסט זיך אין דעם אויגענבליק
וואָלט מען דער פאַר אָפּגעגעבען דאָס גאַנצע גליק
אונ שפּעטער אַ מינוט וועלט עס נמאס ומאוס
מע וויל שוין ניט יענץ, מע וויל שוין גאָר דאָס
אַ נייע מאָדע, אַ נייער קאָסטיום
פרישע סחורה ביים דייטש אין קראָם
טויג שוין דאָס אַלטע אויף ס׳ם סאָט כפּרות
נייע סחורה, נייע צרות
מע דאַרט שוין גוט אויס דעם קאָפּ
וויא נעמט מען אַ בורנוס פון דראַפּ
וויא נעמט מען אַ נייא מאָדנע זשאַקעט
וויא נעמט מען אַ פראַק אויף אַ באַלעט
וויא דערטאַפּט מען דאָס באַנקעלע פּאָמאַדע
דאָס דאַרף איך דאָך אַוודאַי!
היינט דאַכט זיך בין איך שוין גאָר פאַרטיג
געהט זיך נאָך מיין ווייב ניט גרויסאַרטיג
עפּיס פעהלט דאָך איהר נאָך אַזאַ קלייד
וויא דיא אונ דיא פּאַמעשטשיצע געהט
אונ וויא וועט זיא נעמען אַ קרינאָלין אויף אַכצעהן רייפען?
ווער וועט איהר אַ סיטקע אויף ביסער אויסשלייפען?
היינט אַ גריבאַלדי, אַ שליאַפּע דאַרף זיא דען ניט?
דאָס וועט דאָך מיך אַלץ קאָסטען בלוט
מע מוז אָבער אַריבער ציהען דעם בויגען
כדי מע זאָל שונאים שטעכען דיא אויגען
אַ קצור, מע ברעכט שוין האַלז אונ לייב
אונ מע קויפט שוין נייעס פאַר זיך אונ פאַר׳ן ווייב
נאָ, מעג זיך דאַכט זיך זיין אַיין עק
גיין! אין אַכט טאָג וואַרפט מען דאָס אויך אַוועק!
וואָרען אַז ער זעהט שוין אַזא ראָק אויף זיין משרת
טויג זיך איהם שוין זייגער אויף כפּרות!...
אונ וויא זאָל דיא בעל הבית׳טע ניט לאַכען
אַז דיא דינסט מויד וויל זין אויך צו איהר גלייכע
אויך אַכטצעהן רייפען אויף אַ קרינאָלין
אויך אַ וואָכעדיג קלייד פון מישלין
אויך אַ סמעטין העמדעל מיט זאַבאַרקעס
אויך לייקענע שיכליך אויף קאָרקעס
אונ דאָס זעהט זיא שוין אפילו אויפ׳ן בעדער



[illegible] אַרכיוו
ייִדישע פּובליקאַציעס

## אדר

נאָ, וויא זאָלל איהר געפּעגלען אהיגע קליידער?
אזוי בייט מען א שמאטע אויף א שמאטע
אונ מע וואַרפט געלט אין דער בלאָטע
אי דאס איז נאך גוט אז מע האט עפּיס צו וואַרפען
אז ניט, מוז מען דעם מות שארפען
טויזענטער עצות מיט ליגען
אבי א פינף אונ צוואנציגער קר גען
אבי א שייגעם נארנישטער
אבי א מאנטילע מיט א טהייער פיטער
אונ בכדי צופארגרעסערען דעם שטייגער
מוז מען זיך האבען א גאלדענעם זייגער
דאס לעבען איז דאך אויך עפּיס ליעב
דארף מען זיך אביסעל מעביל אין שטוב
היינט א משרת, א דינסט, א פּאָקאָיאָווע
דער פּוצט, דיא קאכט, דיא מאכט האָווע
א דרייא צימער: א זאאל, א ספּאלנע, א קאבינעט
חאטש בירנע צווייא שפּאקלעך מיט א קארעט
אי עס איז נישטא — דאס דארף מען ניט זארגען!
מע קען אויסקומען מיט לייהען אונ בארגען.
דא חאפּט מען הונדערט, דארט דעקט מען צעהן
דא אויף א משכון, דארט אויף דער פען
מען דרעהט זיך יאקאש וויא ווייט מע קען
אבי חלילה ניט ארפּלאזען דעם טאן
אזוי טראסקעט דער גרויסער קופּעץ
ביז ער מאכט א שטארקען אנזעץ
טויזענטער מענשען ברעכען האלז אונ לייב
וואס ער האט געוואלט אויספּוצען זיין ווייב!...
אונ איבער איהם בעהאלט ווערער זיין ביסעל מזומנים
מע לייהעט ניט א גראשען — חאטש פאלל אויפ'ן פּנים
דאס רחמנות ווערט ביי יעדען אויסגעלאשען
חאטש שטרעק זיך אויס, מע לייהעט ניט א גראשען!...

פלוצים האט זיך מיר דער קאפּ פארדרעהט
אז איך האב א קוק געטוהן דיא זונן פארגעהט
מע זעהט זיא שוין קים ארויס טוידט אונ גלייך
אונ פינצטערע שאטען ווארפט זיא נאך זיך
זיא קוקט שוין גאר מיט איין אויג אויף דער וועלט
זיא ווערט שוין פאר אונז אזוי פארנעשטעלט



## אדר

זויא א גוטער פריינד אין דעם אויגענבליק
ווען ער געזעגענט זיך, ער זאלל שוין ניט מער קומען צוריק
אזוודאי איז מיר געווארען פינצטער אין מיינע אויגען
מיין גאנצע פרייד איז מיט איהר אוועק געפלויגען.
אזוי פירט זיך דאס גאנצע לעבען
חיפּיעל מענשען פליהען אונ שטרעבען
ביי דער שלעכטער צייט נאכען שטיקעל גליק
אונ אז מע דער לעבט שוין זעהן דעם גוטען אנטיק
אז דאס מזל טוהט שוין דעם גרויסען בליץ
צום סוף לאזט זיך אוס גאר צום שפּיץ
ווערט גאר פינצטער מיט א מאהל
אונ מע פאלט אריין אין א טיפען טאהל
דיא נאכט פון אומגליק רוקט זיך אן
דער דלות שפּילט אונ דער אביון טאנצט אין קאהן
אזוי וויא אין טהעאטער ביים רעצטען אקט
ווען עס בעגלייטעט זיך דער שענסטער טאקט
ווען דאס קאהר זינגט דאס שענסטע געזאנג
פלוצים לאזט זיך אראפּ דער פארהאנג!

א קצור, וויא אזוי מיר איז דא שלעכט
פּריטא האט דער מאטע געהייסען אנצינדען לעכט
מענשען ארים טיש, דער טאטע אויבען אן
מיר יונגלעך טאנצען אין קאהן
דער וויין שפּילט אין דיא בעכער
דאס געזאנג געהט אללע מאהל העכער
דער שוחט זינגט "שושנת יעקב" דער דין דיא מגלה
דייי מקבל טאנצט אין שטרייטעל, דער דין איז אין איין גדולה
א כוסות שטעהען
ארימע לייט געהען
דיא שפּילער מאכען דיא שפּיעל
אין שטוב רוישט וויא אין א מיהל
א שוסטער-יונג ווערט אחשורוש
א שניידער-יונג ווערט זרש
דער שמש פארשטעלט זיך וויא מרדכי גלייך
אונ רעדט אויך אויף זיבעציג שפּראך
ער שרייעט אויף קולות "אחשורוש" "המן"
אונ ווייסט ניט צו זאגען פון זיין נאמען
מיר קינדער האבען אנגעקוועלט

## אדר

מִיר הָאבֶּען גֶעמֵיינְט עֶר אִיז אֵיינְס אִין דֶער וָועלְט
אוּנְז אִיז נָאר דָאס אַ חִדוּשׁ גֶעוֶועהן
וָואס עֶר רֶעדְט לְשׁוֹנוֹת, וָואס מִיר קֶענִין נִיט פֶערְשְׁטֶעהְן
פְּלוּצִים שְׁרַייעט עֶר ״פֶּעטֶער קִינִיג״
מֵיילָא דָאס אִיז נָאךְ גָאר וָועניג
נָאר פְּלוּצִים הוֹיבְּט עֶר גָאר אָן אוֹיף אַ נַייא קוֹל:
״הָמָן! נֶעם דֶעם חָמוֹר פִּין דֶער סְטַאלל
״אוּנ גֶעה צוּ מָרְדְכַי׳ן בַּיים טַער הַמֶּלֶךְ
״וָועסְטוּ זַיין אַ בְּרַאוָוער מְסוּלָח״
מִיר יוּנְגְלֶעךְ וֶועדְלִיג אוּנְז גֶעפֶּעלְט
הָאבֶּען מִיר אִיהם אָפּ גֶענֶעבֶּען דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט! —
נָא וָואסְזשֶׁע אִיז? עֶס אִיז גָאר קֵיין חִדוּשׁ נִיט חָלֶעבֶּען
אִיהר מֶעגְט מִיר זִיכֶער גְלוֹיבֶּען
אַז נָאךְ הַיינְט בַּייא דִיא אַלְטֶע יָאהְרֶען
קִימְט אוֹיךְ אַ מָאהל צוּפָאהְרֶען
אֲפִילוּ אִין דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁטָאדְט
אַיין אַרֶעסְטַאנְט וָואס הָאט אָפְּגֶעשְׁלָאגֶען אַ קֵייט
אוּנ אַבִּי עֶר טְרָאגְט אַ טֶערְקֶעשֶׁען שַׁאל אוֹיפִ׳ן קָאפּ
אוּנ פִינִ׳ם גָארְגֶעל שְׁטֶעקְט אִיהם אַ שְׁפִּיצִיבְּרִיקֶער קְנָאפּ
אַ דָא נֶעמֶען אִיהם אוֹיף אַ גַאנְץ קָהָל
פַאר אַ יוּדֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!
עֶר רֶעדְט לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ וִויא אַ גָארְנִיטְשְׁנֶע בַּייא אַ רַב
אַבִּי עֶר זָאגְט פִּין אַ תָּיו אַ תָּיו
שְׁלֶעפְּט עֶר זִיךְ שׁוֹין אַרוּם מִיט אַ נַדְבָן
אוּנ רֶעדְט אוֹיף לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ ״יִתֵּן לִי נְדָבָה!״
אַז גְרָאבֶּע יוּנְגֶען הֶערֶען ״יִגְדַל אֶחָד״
אַזוֹי גִיבֶּען אִיהם אַללֶע גֶעלְט גָאר אָהן אַ לַאד
עֶר מַאכְט נָאךְ אַ מִי שֶׁבֵּרַךְ אִיהם מִיט זַיין וַוייבּ
״מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבָהָתָנָא אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב״
בֶּעט מֶען אִיהם שׁוֹין אוֹיף טֶעה
זַייא מֵיינֶען אַ מַלְאַךְ שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַייא
שַׁבָּת זָאגְט עֶר זְמִירוֹת אוֹיף תַּרְגוּם
אוּנ וֵוייסְט נִיט אַ וָוארְט חֻמָּשׁ נֶעם דֶער וָוארְג אִיהם
עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אָבֶּער דִיא גַאנְצֶע טָארֶע
אַז מֶע רֶעדְט צוּ אִיהם יוּדֶעשׁ, מַאכְט עֶר זִיךְ כְּלֹא יָדַע
אוּנ אַז אַ גֶעלֶערֶענְטֶער מֶענְשׁ גֶעהְט דֶערְךְ
אוּנ הֶערְט פִּין אִיהם זַיין וִויסְטֶען מִי שֶׁבֵּרַךְ
ווילל עֶר זִיךְ אִיהם פְּרִיוָוען צוּ קֶען עֶר הֶעבְּרֶעעשׁ



## אדר

אַ דָא הֵייבְּט עֶר אָן שְׁרַייעֶן מִיט אַ שַׁארְפֶער רֵייִ״שׁ
״אַתָּה רָשָׁע
״אֲנִי הָיִיתִי בִּירוּשָׁלַיִם עַל הַדְּרָשָׁה
״הָיִיתִי עַל קֶבֶר רַבִּי מֵאִיר בַּעַל נֵס
״וְאַתָּה רָשָׁע מֵת!״ —
פַאר׳ן פְּרָאסְטַאק אִיז זִיךְ דָאס פְּלִיאוֹת
מֵיינְט עֶר אַז עֶר רֶעדְט אַוַדַאי נְבִיאוֹת
הָאט עֶר נָאךְ אִינֶעם דַייטְשׁ אַ נְקָמָה
אוּנ דֶעם צְבוּעַק גִיט עֶר שׁוֹין אָפּ דִיא נְשָׁמָה
אַזוֹי נַארְט עֶר אוֹים דִיא עֶטְלִיכֶע גִילְדֶען
בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן דֶערְפִיהלֶען
אַז עֶס גֶעהט דֶער עֶטַאפּ פִּין זַיין אַרֶעסְטַאנְסְקֶע רָאטֶע
צִי עֶס יָאוָועט זִיךְ אַ וַוייבּ, אַ בְּרוּדֶער, אַ טַאטֶע
אַ דָא חַאפְּט עֶר דִיא פִּיס אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס
אוּנ גִיט זִיךְ טוֹיזֶענְטֶער עֵצוֹת
עֶר לוֹיפְט אַוֶועק פִּין דֶער שְׁטָאדְט גֶעשְׁווִינְד
אוּנ פַארְגֶעסְט גָאר אִין זַייא גֶעזוּנְד
עֶר נֶעמְט זִיךְ גָאר אַיין אַנְדֶער סְלִיעד
אוּנ אִיז טַאקֶע וַוייטֶער אַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יוּד!...

יַאקָאשׁ מִיר הָאבֶּען גֶעטַאנְצְט גֶעהֶעפְּעט
צִי אִיטְלִיכֶען הָאבֶּען מִיר זִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט
מְקֻבָּלִים גֶעהן אָהן אַ צָאהל
נַייעֶ מֶענְשֶׁען יָאוֶוען זִיךְ אַללֶע מָאהל
דָאס אִיז קְרוֹבִים, דָאס עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען
דֶער טַאטֶע אִיז פִּין אַללֶע זֶעהר צוּ פְרִידֶען
עֶר הָאט אַללֶע זֶעהר שׁוֹין אוֹיפְגֶענוּמֶען
יֶעדֶען נָאךְ זַיין כָּבוֹד וִויא אִיהם אִיז גֶעקִימֶען
נִיט וִויא הַיינְט קִיקְט מֶען נִיט אוֹיפִ׳ן עֶהְרְלִיכֶען טַאנְן
מֶע זֶעהט נָאר וִויא וַוייט מֶע קָאן
אָפְּגֶעבֶּען כָּבוֹד דֶעם דַייטְשׁ, דֶעם פְרַאנְצוֹיז
וָואס טְרָאגְט אַ קֶערְצֶען רָאק מִיט אַ לַאנְגֶען הוֹיז
אַבִּי עֶר הָאט נָאר דִיא עֶטְלִיכֶע גִילְדֶען
דַארְף עֶר שׁוֹין דִיא רָאלֶע שְׁפִּילֶען
אוּמֶעדוּם טַאנְצְט עֶר אִין קָאהְן
אוּמֶעדוּם עֶר אוֹיבֶען אָן
עֶר מֶעג נִיט קֶענֶען דַאוָוענֶען אַ וָוארְט
גִיט מֶען אִיהם אִין שׁוּל דָאס שֶׁענְסְטֶע אָרְט

## אדר

שַׁבָּת קוּמְט אִיהם שִׁשִׁי
יוֹם טוֹב אִיהם חֲמִשִׁי
הָאטְשׁ דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה
אִיז בַּייא אִיהם גָאר נִיט קֵיין סְחוֹרָה
עֶרְשְׁטֶענְס אִיז עֶר גְרָאבּ אָהן שִׁיעוּר
צְווייטֶענְס לַאכְט עֶר נָאר אוֹיס אִיהר
ווָארֶען וואָס פַאר אַ פָּנִים ווָאלְט עֶר גֶעהַאט
עֶר זָאלל נִיט חוֹזֵק מַאכֶען פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען נֶעבָּאך זִיךְ...
עֶפִּיס אִיז עֶר דָאךְ פָארְט צוּ דִיא צָרוֹת אַ דַייטְשׁ
אוּנ לֶערְנֶען פַארְשְׁטֶעהט עֶר פָארְט נִיט דִיא טַייטְשׁ
מוּז עֶר זִיךְ הָאטְשׁ מִיט דֶעם אַרוֹיסְשְׁטֶעלֶען
אַז דִיא תּוֹרָה אִיז אִיהם נִיט נֶעפֶעלֶען
אַי פַאר וואָס? — טוּה אִים נָאר אַ פְרֶעג
עֶר גֶעהט שׁוֹין אוֹיף אַיין אוֹיסְגֶעריבֶּענֶעם ווֶעג
עֶר הֶערְט פוּן גְרוֹיסְגֶעבִּילְדִיטֶע מֶענְשֶׁער
וואָס זַייא זֶענֶען טַאקֶע אֶמֶתֶע קֶענֶער
וִויא זַייא מַאכֶען אַ מָאהל צְווִישֶׁען זִיךְ אַ רֶעד
אוּנ זָאגֶען אוֹיף אַלְסַדִינְג אַ גוּטֶען בַּאשֵׁייד
אַ מָאהל רֶעדֶען זַייא פוּן תּנ״ךְ
אוּנ זָאגֶען דָארְט זֶעהר אַ גְלַייכֶע זַאךְ
אַ מָאהל עֶרְקְלֶערֶען זַייא אַ מִנְהָג פוּן אַלְטֶע צַייטֶען
דֶערְצוּ מוּז מֶען אַ ווָארְט נָאכֶען דִקְדוּק פַארְבַּייטֶען
דֶערְוַויילֶע הֶערְט עֶר זִינְגֶען
אוּנ קֶען נִיט נָאךְ קְלִינְגֶען
אוּנ אוֹיף דֶעם קָאנְט לַאכְט עֶר פוּן אַלֶעם
ווָארֶען עֶר גֶעהט זִיךְ אוֹיךְ אִין קֶערְצֶע פַאלֶעם!...
אוּנ וִויא אַזוֹי עֶר אִיז פוּן יוּדֶעשְׁקַייט נִיט צוּפְרִידֶען
פְּרִיטְשָׁא טְרֶעט עֶר אַ מָאהל אָפּ צוּ אַ גוּטֶען יוּדֶען
אוּנ וַוייל עֶר ווִילל יוֹצֵא זַיין בֵּיידֶע דֵעוֹת
מַאכְט עֶר זִיךְ אַ פָּאר פֵּאוֹת
אוּנ גֵיט נָאךְ דֶעם רֶבִּין חַי ר״כ
אוּנ אִיז מִיט אַלֶע חֲסִידִים גְלַייךְ
אַזוֹי דְרֶעהט עֶר זִיךְ אוֹיף אַלֶע זַייטֶען
אַבִּי אַ נָאמֶען בֶּעקוּמֶען צְווִישֶׁען לַייטֶען
בַּיים רֶבִּין פִּיהְרְט עֶר דָאס רֶעדֶעל
אִין דֶער הַיים שַׁאפִּירְט עֶר אַ מֶעדֶעל
צוּם רֶבִּין טְרִינְקְט עֶר לְחַיִּים
אוּנ הַאפְּט דִיא עֶרְשְׁטֶע שִׁירַיִם



## אדר

אִין דֶער הַיים שְׁטֶעלְט עֶר אַ טָאן
אוּנ שְׁרַייעט דֶעם יוּדֶען פַאשָׁאל ווָאן
נָאר דֶער אֱמֶת, ווֶער שֶׁעצְט אַ דֶעם יָאלְדָאק?
אַזַא חָסִיד וִויא עֶר — אַזַא סִיפַּאק!
עֶר אִיז אוֹיךְ אַזוֹי הֶפְקֵר וִויא דִיא גֶעמַאכְטֶע בַּייטְשֶׁען
אוּנ קֶען אַ ווָארְט דַאוִוינֶען נִיט פַאר טַייטְשֶׁען
הָאט עֶר הָאטְשׁ דִיא נוּטְץ פוּן אַזַא גֶעמַאכְטֶען דַייטְשׁ
עֶר קֶען מַסִירֶען, עֶר קֶען גִיבֶּען אַ פַּאטְשׁ
אָבֶּער דֶער אֱמֶת׳ר עֶהְרְלִיכֶער יוּד הָאט אִיהם טַאקֶע פַיינְט
ווִיא תָּמִיד, וִויא פְרִיהֶר אַזוֹי הַיינְט!...

## איינינע חרשות

מֶע זָאגְט אַז אִין עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְטְלִיךְ הָאט מֶען גֶעגֶעבֶּען אַ כְּרוּז, אַז מֶען זָאלל שׁוֹין מֶעהר נִיט מַאכֶען קֵיין גְרַאגֶערְס הָמָנ׳ן צוּ שְׁלָאגֶען: נָאר וואָס דֶענְן? נַבָּאִים פוּן דֶער שׁוּל בְּרֶענְגֶען מִיט זִיךְ קָאטְשֶׁעריִם אוּנ פְרָאסְטֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים נֶעמֶען מִיט יֶעדֶער אַ שַׁייט הָאלְץ אוּנ וִויא דֶער בַּעַל קוֹרֵא זָאגְט „הָמָן“ נֶעמְט מֶען גְלַייךְ קְלַאפֶּען מִיט דִיא קָאטְשְׁעֶרִים אוּנ מִיט דִיא שְׁטֶעקֶער הָאלְץ אִיבֶּער דִיא טִישֶׁען אוּנ שְׁטֶענְדֶערְס בִּיז מֶען קָאנְשִׁיט לֵייעֶנֶען דִיא גַאנְצֶע מְגִלָּה.

מֶע זָאגְט אַז אֵיינִיגֶע יוּדִישֶׁע מְחַבְּרִים הָאבֶּען עֶרְפוּנְדֶען וִויא אַזוֹי מֶע זָאלל קֵיין סְפָרִים גָאר נִיט דַארְפֶען מַאכֶען אוּנ פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען פָארְט דְרוּקֶען סְפָרִים אוֹיף אַסַךְ לְשׁוֹנוֹת אוּנ רַייסֶען קֶערְבְּלִיךְ פוּן טוֹיְדְטֶע אוּנ פוּן לֶעבֶּעדִיגֶע. זַייא זֶענֶען גֶעפַאלֶען אוֹיף אַ פְּרָאסְטֶע הַמְצָאָה: זַייא גַנְבֶנֶען מַאנוּסְקְרִיפְּטֶען פוּן אַנְדֶערֶע מְחַבְּרִים אָדֶער זַייא צָאהְלֶען עֶמִיצֶען אַ גוּטֶע פְּרַייז עֶר זָאלל זַייא אָנְשְׁרַייבֶּען עֶפִּיס אוֹיף אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹנוֹת, וואָס זַייא אַלֵיין פֶערְשְׁטֶעהֶן נִיט אוּנ דְרוּקֶען דָאס אָפּ אוֹיף זַייעֶר אֵייגֶענֶעם נָאמֶען אוּנ רַייסֶען קֶערְבְּלִיךְ, דְרַייעֶרְלִיךְ אוּנ פִינְפֶערְלִיךְ אָהן אַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישֶׁען אֻמוֹת אוּנ נַאצִיעֶס. —

## ר״ח—ניסן

### דער מולד איז גאנץ ווייט פון אונז.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ רֹאשׁ חֹדֶשׁ גֶעטוּהן אַ נֶדֶר
אַז בִּיז פֶּסַח זָאלל אִיךְ שׁוֹין נִיט גֶעהן אִין חֵדֶר
אוּנ דַארִיבֶּער בִּין אִיךְ גֶעווָארֶען אַזוֹי אוֹסְגֶערִיסֶען
אַז מֶע הָאט מִיךְ דִיא צַייט דָאפֶּעל גֶעשְׁמִיסֶען

## ניסן

און היינט פרעג איך זיך אליין דיא שאלה:
וואס איז מיר אזוי גרויס געוועהן דיא וויילע?
איז ישע דען אזא פסח אויף הוליען ניט גענוג?
נאר א קינד איז דאך פארט ניט אזוי קלוג;
איך וועל אייך ווייזען עלטערע מענשען א סך
טוהען אויך מיט אונז קינדער גלייך.
אז זייא זעהען עפיס א שמחה ארויס
איז זייא שוין דיא וויילע צו גרויס:
נגידישע קינדער פון טאטעס גבירים
מאכען בייא זיך סעודות פורים
אז דער טאטע ליגט געפעהרליך קראנק
און עס טוהט זייא הארציג באנק
דיא וויילע איז זייא צו גרויס
וואס דעם טאטען געהט שוין דיא נשמה ניט אויס!..
וואוילע ווייבליך אז דער מאנן פארט אין וועג
פארשעלטען זייא דיא עטליכע טעג
וואס דארף נאך ביז צום פאר'ן געוועהרען
זיא וואלט איהם שוין געוואלט ניכער פטור ווערען
דיא וויילע איז איהר שוין צו גרויס
מן הסתם קיקט זיא אויף עפיס ארויס!—
א בעל דרשה'ר אז ער האט א ניט פשטיל אויף חיי שרה
ווערט ער אקעגעשט ניט דיא כפרת
ער וואלט געוועהן געדרשה"ט מיט'ן גאנצען כח
און דא געהט ערשט פרשה נח!...
א דיכטער, אז עס ווערט שלאף א גרויסער מאנן
זיכט ער שוין ווערטער וויא ווייט ער קאן
מאכען עפיס א ליעד אויף זיין טויט
און ער שפרינגט אקערשט ניט אויס דער הויט
דיא וויילע איז איהם צו גרויס
איידער זיין ליעד געהט ארויס
דער זאלל מאכען שוין דעם שטארב
וואלט ער דאך איהם צוגעטראפען טאטע אין קארב!...

איין מאהל וועקט מיך דיא מאמע אויף וויא א וויכער
«שטעה אויף איצעלע! טוה זיך אן ניכער!
«דער בעקער איז שוין דא געוועהן
«מע דארף שוין צו דיא מצות געהן!
איך האב באלד געמאכט א פרומע תנועה:



## ניסן

א וואה, א כשרע מציאה!
איידער ביי דיא מצות שטעהן
איז גלייכער אין חדר אריין צו געהן,
דיא מאמע האט אפילו געטוהן א גרויסען לאך
וויא איינער רעט יא א פרומע זאך!»
פריטא בין איך פינ'ם שכל אראפ
און האב געמיינט אז איך נאר דיא מאמע אפ!...
איז דען ניטא נאך היינט אזעלכע צבועקעס
עס זאלל זיך זייא נאר זעטצען אזוי פיעל מ...
וויפיעל גראבע עבירות זייא טוהען שטילערהייט
גנבנין, ראביוועון, הרגנין מיט דיא רער
חניפה'ניקעס, רוצחים גזלנים
און פאר לייטען מאכט מען א פרום פנים
זייא זאלען דערווייזען וויא זייא טויג
אז זייא היטען זיך אפילו פון דעם וואס מע מעג!...
חאטש זייא ווייסען אז מען לאכט זיי אויס
וואסזשע קימט זייא דאכט זיך דערפון ארויס?—
פריטא מאכען זייא דיא פאלשע תנועות
און עס ווערט זייא ניט נמאס וויא דעם חסיד דיא נקיות:
דארט מסערט ער א מענשען אויפ'ן לעבען
און דעם פאקענטרענער וויל ער ניט גלויבען
אז דיא בינטעלעך ציצית זענין כפול שמונה—
אלא ניט, איז ער אויף זייא ניט קיין קונה!
דארט צאפט ער יודעש בלוט
אללע רגע, אללע מינוט
און אז ער קויפט א בוטעלקע וויין
וואס זיא איז ניט פערחתמ'ט וויא עס דארף צו זיין
טוהט ער שוין א שאקעל מיט דער פלייצע:
«וואס גיט מען זיך דא פאר איין עצה?
«זאלל איך טרינקען — צי ניין? ווייס איך
«איך האב מורא אויב עס איז ניט נסך!» —
יתומים ראביוועון איז בייא איהם גרינג
אויף זייערע טרערין שטעלט ער ארויס דיא צינג
און וויל ניט געהן אין א מקוה וואס האלט ניט א שעור
צי דיא וואסער האט ניט איהר קאליר!...
אויף איין אשת איש קיקט ער ארויס
דיא ביטערע עבירה מאכט איהם גאר ניט אויס
ווארען עס איז בייא איהם גאר א געשפעט

## נ י ס ן

און ווילל ניט זיטצען אויף אַ ווייבערש בעט.
דער חסיד ווילל שטעלען ציפרידען
מיט זיין פאַרען צום גוטען יודען
אַ פּנים מע ווייסט דען ניט
וויפיעל דאָרט ווערט פאַרגאָסען בלוט
מע מסרט, מע ראַביוועט טויזענטער מענשען
אַבּי מעהר אַ קערבעל פאַר'ן בענשען
נאָך אַ מאָהל ח״ו, נאָך דרייא מאָהל
אַבּי דעם רבּין זאָלל אויסקומען אַ גלייכע צאָהל
מעג מען שוין יענעם ראַביוועון זיין ברויט
אַבּי נאָר האַלטען פין יודעשקייט...
אַבּי צו דער מצה שמורה קאַטשען אַ טייגעל
אַבּי שניידען איבערגעהיפּערט דיא נעגעל
מענסטו שוין יענעם דעם האַלז איבערשניידען
און מענשען מוזען פין דיר ליידען! —
מענסט אָנגעטצען יתומים און אַלמנות
אַבּי צום דאַווענען מאַך בּריטע הכנות
לייע, באָרג און גיב ניט אָפּ
אַבּי דעם טלית איבערען קאָפּ אַראָפּ
גילעהרענטע מענשען טרייב אין דער ערד
אַבּי טוה אַ גלעט דעם רבּינ'ס פערד
ביסטו אַ פּרנס חודש – רייס אָריכע לייט
אַבּי ווייס וואָס מקוה באַטייט
ביסטו אַ קרעמער, נאַר אָפּ מיט דיין סחורה
שוועהר בּייא גאָט, בייא דער תּורה
זאָג אויף מאַסקווער – עס איז לייפּציגער ציץ
פערקויף עלף – און שווער אויף אַ טיץ
אַבּי שלאָג אַ ווייסע כּפּרה
און לעג אויפ'ן טלית אַ זילבערנע עטרה!...
ביסטו אַ שקאָנטיסט – נעם פינף פּראָצענט
מאַך אַיין אַ קערבעל אונטער דיא הענט
פאַרגעס ביים אָרימאַנן וואָס ער פאַרמאַג
רעכען איהם צי אין ביך נאָך אַ טאָג
שווער זיך אָפּ בּייא טויזענטער נאמנות
בּייא דיר זאָלל בּלייבען זיינע משכּנות
אַבּי וואַש זיך דיא הענט אַז מע טראָגט אַ מת
און גלייב אין ר׳ מאיר בעל נס!...
אַ כּלל רייכט איינם פינ'ם אַנדערען דיא הויט



## נ י ס ן

אַבּי האַלט נאָר פון יודעשקייט!...
מילא דאָס איז נאָך גערעהט פין אַזוינע חסידים
וואָס זייא זענען נאָך עפּיס שטיקליך נגידים
דיא לייט וואָס האָבען נאָך דאָס מזומנע רענדעל
דיא דרעהן זיך אָפּ דיא קאָפּ ביים הענדעל
אָבער דער געמיינער פּליאַסק
וואָס האָט שוין אָנגעוואָקסען דעם טראַסק
וואָס דער רבּי האָט שוין צו איהם ניט קיין שליטה
ער האָט שוין אַרויס געשלעפּט בּייא איהם דיא לעצטע פּריטה
און ער געהט שוין אויס פאַר הונגער און דאָרשט
און רעכינט זיך שוין אין קלויז צווישען חברה באָרשט. —
דער האָט שוין גאָר אַנדערע מעלות
דער פאַרטראַכט שוין טויזענטער הרפּעלות
וויא קריגט מען אַ פערציגער אַבּי מזומן
עפּיס אַ חפץ בּייא דעם רבּינ'ס דינסט כּויד צו בעקומען?
ער פּריוועט זיך אונטער ווייל'עכס אין קעך אַריין חאַפּען
כּדי דיא כּשרה מציאה דערטאַפּען
דער ליאַרים איז אָבער צו גרויס
נאָרט ער זיא פינ'ם הויף אַרויס
וויא ער זאָלל ניט האָבען קיין מורא
אין ער פיהרט זיך אַרום מיט דער סחורה
אונטער דער באַנע אונטער דער מיהל
אונטערן מרחץ אונטער דער שי״ל
וויא שלעק וויא צרות
אויפ'ן פעלד, אויפ'ן בית הקברות
און ווייזט איהר אַ סברא
פין דער הייליגער גמרא
און שווערט נאָך בּייא זיין לעבען
אַז דעם חפץ מעג זיא איהם געבען
און אויב זיא האָט מורא פאַר דער גנבה, פאַר אַ צרה
איז דאָך ר׳ מאיר בעל נס פּישקע אַ כּפּרה
און אַזוי רעדט ער זיא איין פאַלשע דינים
ביז ער נעמט צו דאָס חפץ כּמעט בּחנם
נאָר אין אַוויילע אַרים
איז ער שוין גאָר פּרים
ער ווייסט שוין גאָר ניט: וואָס און ווער?
גלייך ער איז שוין גאָר ניט דער
קיקט ער שוין אויף דיא ווענט

## נִיסָן

אוּן נֶעמְט בַּייא אִיהר גִיט פִין דִיא הֶענְט
אוּן וִויא עֶס קִימְט נאָר אוֹיס אַ רֶעדֶעל, אַ שְׁמִיעֶסֶעל
שְׁטֶעקְט עֶר אוֹיס דָאס חֲזִירְשֶׁע פִּיסֶעל...
הָאטְשׁ עֶר ווייסְט אַז יֶעדֶער הָאט אַ יְדִיעָה
אַז זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז נאָר אַ פוֹילֶע תְּנִיעָה
פְּרִיטאָ טוּהט עֶר זַיינְס אוּן אִיז גאָר גִיט פוֹיל
הָאטְשׁ לַצָךְ, הָאטְשׁ שִׁיס אִין אִיהם אַ קוֹיל!...

## תְּקוּפָה

מֶע דארְף אָנְלֶעגְען אוֹיפִ'ן טאָפּ אַייזֶער
דִיא רֶבְּצִין לֶעגְט אָן תְּחִינוֹת אַ פוּלְלֶען שַׁלַייעֶר
דֶעם רָבִ'ס צִיג הָאט אָנְגֶעלֶעגְט מִיטִ'ן קאָפּ
דִיא סֶעדאָכֶע הָאט אָנְגֶעלֶעגְט קוֹילֶען אַ פוּלְלֶען פַייֶער טאָפּ

## אייניגע חדשות

מֶע זאָגְט אַז אוֹיפִ'ן אָרְט פִין אוּנְטֶער, אַייבֶער, מַלְכָּה, מֶלֶךְ אִין קאָרְטֶען הָאט מֶען גאָר אוֹיס גֶעמאָלְט פוֹילִישֶׁע גִיטֶע יוּדֶען מִיט יוּדֶעשֶׁע רֶעדאַקְטאָרֶען, נאָר וואָס דֶען? מֶע דארְף זִיךְ זֶעהר הִיטֶען צִי שְׁפִּילֶען אוֹיף דִיא פִיגוּרֶען מַחֲמַת מֶע קאָן אוֹיף זַייא נִיט שְׁטֶעלֶען!... נאָר אַיין עֵצָה אִיז: מֶע זאָל זַייא גִיט אָנְקוּקֶען פְרִיהֶער אוּן שְׁפִּילֶען בְּלֹא רְאִיָה..

מֶע זאָגְט, אַז אִין אַ שְׁטֶעדְטֶעל ל.... פאָדאָלְיֶער גוּבֶּערְנִי, אִיז גֶעוואָרֶען אַ רַב מִיט זֶעקְס הֶענְט – מִיט צְוַויא שְׁרַייבְּט עֶר אַ פְּסַק פאַר דִיא בַּעֲלֵי דִינִים אוּן מִיט פִיער נֶעמְט עֶר!...

מֶע זאָגְט, אַז בַּייא אַיין אַלְטֶען אוּנְטאַדִיראַקְט אִין ז.... אִיז דאָ אוֹיס צוּפֶּער־קוֹיפֶען אַ מאַגאַזִין פִין לָשׁוֹן הָרָע מִיט עֶגְזאַיְזְמוּס – וֶוער עֶס וועט קוֹיפֶען 10 עֶקְזֶעמְ־פְּלַיארֶען מִיט אַ מאָהל, טְרֶעט מֶען אִיהם אָפּ 99% פְּראָצֶענְט אֱמֶת דֶערְפִין.

מֶע זאָגְט, אַז עַמִיצֶער אִין ז.... גִיט אַרוֹיס אַ שֶׁבֶט מוּסָר אוֹיף טַייטְשׁ פִין וַוייבֶּערְס וֶועגְען מִיט עֶטְלִיכֶע גֵיהִינָם קאַרִיקאַטוּרֶען, אַז אֲפִילוּ אַ שְׁטַיין קֶען אוֹיךְ צוּ־גָאסֶען וֶוערֶען קוּקֶענְדִיג אוֹיף דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע קאַרִיקאַטוּרֶען! נאָר דאָס גֶעלְט פאַר דִיא סְפָרִים, בֶּעט דֶער מְחַבֵּר, אַז מֶע זאָל עֶס שִׁיקֶען זַיין וַוייבּ – גִיט אִיהם, אִיבֶּער צְווייא טְעָמִים: אַיין מאָהל וִויל עֶר נִיט פאַרְקוֹיפֶען דִיא מִצְוָה אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט; צְווייטֶען, זאָגְט עֶר, אַז מִיט דֶעם סֵפֶר הָאט עֶר נאָר צוּ פאַרְדאַנְקֶען דֶעם וַוייבּ, וואָרֶען זִיא הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען דִיא וֶועלְט צוּ זֶעהֶען אִין דִיא אַללֶע גֵיהִינָם קאַרִיקאַטוּרֶען!...



## אייניגע חדשות

מֶע זאָגְט אַז פִין ר״ח אֱלוּל אָן הוֹיבֶּען אָן דִי גִיטֶע יוּדֶען נֶעמֶען קְוִויטְלִיךְ אוּן פִּדְיוֹנוֹת אוֹיף קְרַאנְקֶע פֶערְד אוֹיךְ – נאָר וואָס דֶען? אַנְשְׁטאַט וואָס מֶע שְׁרַייבְּט אִין דִיא מֶענְשֶׁען־קְוִויטְלֶעךְ דֶער מוּטֶערְס נאָמֶען זאָלְל מֶען דאָ שְׁרַייבֶּען דֶעם פאָטֶערְס: ״שְׁקאַפֶּע בַּת הַייקֶעל״ אָדֶער ״יאָגֶער בֶּן מִיכָלֵי״ – זאָלל הָאבֶּען אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה!...

מֶע זאָגְט אַז דִיא דאָקְטוֹרִים ווִילֶען אַראָפְּלאָזֶען דִיא פְּרַייז פאַר אַ וִויזִיט וֶועדְלִיג אוֹיף הַאלְבּ, נאָר מִיט דֶעם תְּנַאי אַז מֶע זאָלל זִיךְ אָפּט יאָגֶען צוּ זַייא!

## ר״ח — אייר

### דער מולד וועט זיין לעכטיג.—

נאָךְ אַזאַ פֶּסַח, נאָךְ אַזאַ סֵדֶר
גְלוֹסְט זִיךְ אַוַדַאי נִיט גֶעהְן אִין חֵדֶר
וִויא דֶעם רֶבִּין גְלוֹסְט זִיךְ נִיט אַוֶועק וַוארְפֶען דֶעם כּ״ס
אוּן גֶעהְן וִויא מֶען רִיפְט אִיהם אוֹיפִ'ן דאַפְּראָס!...
אַוַדַאי אַז אִיךְ הָאבּ דֶער לֶעבְּט ל״ג בְּעוֹמֶר צוּ זֶעהְן
אִיז מִיר שׁוֹין אַ סַךְ פְרֶעהְלִיכֶער גֶעוֶועהְן
הָאטְשׁ אִיהר הָאט זִיךְ אַ גוּטֶע יְדִיעָה
אַז ל״ג בְּעוֹמֶר־יוֹם טוֹב אִיז נִיט אַזאַ מְצִיאָה
טאַקֶע אֱמֶת! — אָבֶּער מִיךְ וואָס גֶעהְט דאָס אָן?
אַז נִיט פִישׁ אוּן יוּךְ וואָס אִיז מִיר דאָ אַיינְג אִין סְטאָן?
אַבִּי פְרַייא! אַראָפּ גֶעפַּטְרְ׳ דֶעם יאָךְ
דָאס אִיז מַיין לֶעבְּען! וואָס דאַרְף אִיךְ נאָךְ?
חֲסִידִים זִיכֶען דֶען דַוְקָא יָמִים טוֹבִים גְרוֹיסֶע?
בַּייא זַייא אַבִּי נאָר אַ גִיטֶע כּוֹסָה
עֶס מֶעג אֲפִילוּ זַיין גאָר אַ פְּראָסְטֶע נאַכְט
אִיז דאָס בַּייא אַ חָסִיד מִיטִ'ן גְרֶעסְטֶען יוֹם טוֹב פאַרְגְלַייכְט!...
דָאס גְלַייכֶען אַיין אָרִימֶער בַּעֲלֶעגָלָה'נִיק
וואָס אַ סֶעהִיר אִיז פאַר אִיהם אוֹיךְ אַ גְלִיק
וואָס עֶר הַאלְט שׁוֹין אוֹיף אַזאַ שָׁעֶנֶעם גְרַאד
אַז עֶר זִיכְט אַללֶע נאַכְט דֶעם אַבְחָאד
זַייא זאָלְלֶען אִיהם עֶרְגֶעץ חַאפֶּען דאָרְט
כְּדֵי עֶר זאָלל אִין טְשַׁאסְט הָאבֶּען אוֹיף שְׁלאָפֶען אַיין אָרְט
אוּן אַז עֶר קִימְט צְווִישֶׁען אַ חֶבְרָה פִין שַׁבָּת'דִיקֶען פאַפִּירָאס
אוּן דֶערְצוּ אִיז נאָךְ דאָ אַ פאַרְשִׁימֶעלְטֶער קאַלְבַּאס
אוּן מֶע שֶׁפֶּעט נאָךְ אַ בִּיסֶעל פִין גאָט, פִין יוּדֶען

## אייר

א דא איז ער זיך העכסט צו פרידען
דעמאלט לעבט ער אין גרויסע פריידען
אונ ער קען זיך גאר פין דאגעט ניט שיידען
וואָרען איהם געהט זיך ניט אין כבוד אונ געלט
אבי הפקרות! דאס איז זיין וועלט!...

---

## איינגע חדשות

דער אחרימעווער קברות יוד האט געפינען א שטעפילעט אויפ'ן וועג וואס לעבען היילינען ארט, האט ער איהם באלד געבראכט צום פרנס חודש — דער פרנס חודש האט צינויף גערופען קהל, אונ מע האט אנגעהויבען קלערען, וואס דאס איז? איינער האט געזאגט, אז עס איז א ארץ ישראל פויגעל. — דער אנדערער — א טערקישער פעפער — דער דריטער — עוג מלך הבשן'ס קאשקעט ביז דער רב איז געקומען אונ האט געזאגט אז דאס איז א פידעלע פין א שופר, אזוי האט מען עס באלד אריינגעשטעלט אין ארון קודש אריין-ווער עס האט פערלארען דעם שטעפי-לעט, קען ער זיך ווענדען צום אחרימעווער שיל גבאי מיט'ן אנדערען — וועט ער פאלוטשען דער פאר מפטיר פין פרשה שקלים! —

---

מע זאגט, אז אין סטילעווקע איז געוועזען א וואזשנע קריג צווישען חברה קדושה גבאי מיט'ן אפטייקער, דעם גבאים טענה איז נאר, פאר וואס דער אפטייקער האלט אויף לאנג דיא חלויים מיט זיינע רעצעפטען!... נאר דער דאקטאר האט זייא פאר גלייכט אונ האט צוגעזאגט, אז ער וועט זייא זעהען ביידע בעפרידיגען!...

---

## ר"ח — סיון

### דער מולד איז בי א טאג אדער בייא נאכט.

פין א קיה האט גאט מיין רבין בעהיט
קויפען מילכדיקעס איז עפים אויך ניט גוט
וואָרען דאס איז מן הסתם קיינער ניט מסופק חלעבען
אז מיין רבי האט ניט פארמאגט א גראשען אויף זיין לעבען
אונ דאס לאזט זיך נאר ניט געהן אין קאפ אריין
אז קיין מילעכדיקע סעודה זאלל חלילה ניט זיין
אונ צום אמת וואלט טאקע געוועזען ווילדע פליאות
אז מיין רבי זאלל ניט מאכען א סעודה אום שביעות
וואָרען דער גאנץ הייסער הסיד איז ער זיך נאר געוועהי
נא וואזשע דארף ער קיקען וואס ער איז געשיין?



## סיון

בעדייא דיא תחתונים פארזעטצען
אבי דיא חסידישע וועלט זאלל פין איהם ניט לצין
א כלל דיא רבצין איז צווישען אללע ווייבער אויסגעלאפען
אבי א מילעכדיקע סעודה פערשאפען
בייא איינער, בייא דער אנדערער, בייא דער דריטער
דא א זשטענקי קעז, דארט א לעפעל פוטער
דא א קריגעל מילך, דארט א קאפעלע מעהל
דא א סקאווראדע דארט א ביסעל בוימעהל
זיא האט צונויף געקלויבען דאס ביסעל ארימקייט
אונ האט א מילעכדיקע סעודה צוגעגרייט
אפילו איין ארימס, אפילו א געמיינס
נאר איידער גאר ניט — לאז האטש זיין א קליינס
אזא משל זעהט מען ערשט היינט
זינט קליינע מחברים'לך האבען ערשיינט
יונגע לייטליך אהן געפיהלע, אהן א גראדען פערשטאנד
וואס פערשטעהען נאך דאס לעבען מיט'ן פנים צו דער וואנד
וואס האבען ניט קיין פראקסע אפילו אויף איין האר
וואס פערשטעהען נאך ניט רעכט דער מאטעם סדר"ל אויף קלאהר
וואס זענין ערשט פין דיא קינדערשע שיכלעך ארויס
וואס ווייסען ניט וויא א ביך הייבט זיך אן אונ לאזט זיך אויס
נאר פין נארישער קנאה
פין אומזיסטיגער שנאה
נאך וואס האט דער אונ דער געמאכט א בוך
דער א יודעלע, דער א יונגעלע, דער א לוח
אונ ער פיהלט זיך אז ער קען אויך זאגען א ביסעל גראם
אי וואס? עס האט ניט קיין יודישען טעם?
וואס ער אליין האט ניט איין רעכטען געדאנק?
וואס אין פאעזיע איז ער גאר געפערליך קראנק?
וואס זיין פערשטאנד'ם א ג א ז י ן איז גאר לעדיג אונ פוסט?
וואס איהם האט זיך א ר ח ל ע דיא מנירקע פערגלוסט?
וואס דעם איז עפעס א מיאוסע י ו ד ע נ ע געפעלען?
וואס דער וויל זיין רויהער ק י נ ע ל זאלל אנקוועלען?
וואס זיינע זיסע פ ל א נ צ ע ן זענין ביטער ווי גאלל?
וואס זיינע ב ל ו מ ע ן זענין פויל אונ וויאל?
וואס זיין נארישער פאראיאהריגער ח ל ו ם
איז פין קאפ ביז פיעס הבל הבלים?
וואס זיין אומגעבעטענער אונפערשעמטער ג א ס ט
האט אזש זיין קיק אויף א מ י י ל צעלאזט

# סיון

און רעט וואס ניט געשטויגען און געפלויגען
און נאר מיט זיך פארבלאנזט ער דיא אויגען ?
וואסזשע האט זיך איהם פלוצים פערגלוסט
א מחבר זיין גאר אימזיסט ?
דער תרוץ איז : ער טוהט טאקע מיט זיין ליער צי מיט זיין חידה
דאס אייגענע וואס מיין רבצין מיט דער מיליכדיגער סעודה :
ער קריכט צווישען געבילדעטע לייט
און האפט ביי זייא א געדאנק פין דער נייער צייט
דארט גנב'יט ער א ווארט, דא א גאנצע שורה
אביסעל פאליטיק, א קאפעלע חקירה
א זשמענקי קריטיק, א לאפקע טהעאריע
א ביסעלע פהיזיק, א קאפעלע היסטאריע
צו דעם ביסעל גנבי'שען רמ"ש
מאכט ער זיך נאך עזות און קאראזש
ער שטעלט עס צונויף אין פראזע צי אין ריים
און גיט ארויס א ספר, א נייעם ! —
מילא גרויס איז דאס ווי א שלשה שערים תחנה
א פנים האט דאס פין א מיתה משונה
א טעם האט דאס פין א זויערען בעריק
ניט איז דאס ווי א טשעריק
אזוינע מחברים זענין היינט דא ווי מיסט
וואס פרעסען און זויפען יענעמ'ס אומזיסט
פוסטע לעדיגע — געמיין און ארים
אבי מחברים — מע מאכט ספרים ! . . .

# שאלות

1 — פאר וואס האבען דאס רוב אריסטאקראטען מיאוסע ווייבער ?
2 — פאר וואס האט א מטה צווייא שטעקען און א חופה פיער ?
3 — וואס טוהט מען איידער מע לעגט זיך ?
4 — פאר וואס רעט מען אויפ'ן קברות־יודם טאכטער ?
5 — פאר וואס איז תשעה באב א גיטער תענית ?
6 — פאר וואס געהט דער רב אין דער וואכען א שטריימעל ?
7 — וואס טויג א מזרח וואנט ?
8 — וועמען איז מען א בעל־חוב איבער'ן קאפ ?



# תשובות

1 — דיא חסידים האבען יונג חתונה — האפען זייא אויס. —
2 — דארט באגראבט מען אייגעם און דא צווייא —
3 — מע זעצט זיך אנידער —
4 — וואס זיא טראגט א קליידעל פין מאנזבילשע תבריכים —
5 — מע דאווענט ניט און מע עסט. —
6 — ווארען דיא רבצין געהט אין ספאדיק. —
7 — דער שטאט בעל־הבית זאלל ניט פארקריכען צום שווארצען פעפער. —
8 — דעם קערזשנער. —

# ר'ח—תמוז

## דער מולד איז דיא לבנה.

דווקא אזא חודש וואס מע קומט אפ נאר מיט געוויין
איז נאר ביי אונז אין שטאדט א גרויסע שמחה געשעהן
עפים א גרויסער גיטער יוד איז צו אונז געקימען
און האט מיט אללע זיינע מענשען א קוואטיר ביי אונז אפגענומען
דאס שטעדטעל האט זיך אנגעהייבען צו גרייטען
און דיא קרעמערס האבען פארשלאסען דיא קלייטען
סערעבעס — דיא גרעסטעל שפייזען
שניידערס האבען אוועקגעווארפען שער און אייזען
דער שיסטער — דאס קאפיטעל
דער קערזשנער — דאס היטעל
דער סטאליער — דיא האק
דער טרעגער — דעם זאק
דיא דינסט — דעם רונאטש
דער בעל עגלה — דיא בייטש
דער רופא — דיא קאנע
דיא טוקערען — דיא וואנע
דער שמש — דיא שוהל
דער מילנער — דיא מיל
דיא בעדערען — דעם בעדער
דער רבי — דאס חדר
משוגענער וויים
מיט געלעכטער מיט כעס
געלאפען ווי אין חלום
צום רבין נאך שלום !

דער מיט א דיבוק
דער מיט א ציבעק
טראגט מיט כוונה
דעם רבין א מתנה
יעדער געהט
מיט זיין געבעט
דער – וועגען א שר,
דער וועגען א גט
דער איז א בלינדער
דער דארף קינדער
דער א בן זכר
דער חתונה מאכען א בחור
דער א פאלשען קוויט
דער – יודעש בליט
דער מיט צרות
דער מיט מחשבות זרות
דער כיט א געשוואלענער באק
דער מיט א ראק
א שטיף מאמע פין יתומות
איינע מיט שלעכטע חלומות
אללע צום רבי'נס טיהר
יעדער וויל פריהר
אללע ווייבער
צום קוויטיל שרייבער
משוגעים שרייען
טשאחאטניקעם שפייען
יארעשליווע הוסען
ביידעל=שלעפער שמוסען
קרומע הינקען
זאיקעוואטע ווינקען
בלינדע זוכען
סעדעכעם פלוכען
ניכפה'ניקעם אויף דער ערד
גבאים רייסען בערד
חסידים גרייזלען דיא פאות
דער צעהלט דיא מאות
מיט דיא עונות



פליהען פדיונות
גימ"ל פעמים ח"י
איז גאר וויא א שפייא
דער רבי קעהר גאר קיין נארר ניט זיין
ער לעגט עס גאנץ טיעף אין קעשענע אריין! –
אין שטעדטעל סעודות פורים
אין אללע גאסען שכורים
פין אללע מיילער לחיים!
אין אללע פיסקעס שירים
אויף איטליכען האלז א קמיע
ביא איטליכען חסיד א מטבע
אין אללע דירות
געדרוקטע שמירות
ביא יעדען א פליאשקע
מיט דער ביטערער משקה
דיא קארעטע שטעהט
דער עולם געהט
דיא פערד געשפאנט
דער רבי שטעקט דיא האנט
איטליכער טראגט
וואס ער פארמאגט
אויף אזא חודש האבען מיר לאנג געהאפט
נאר אזוינע חדשים מאכט זיך ניט אפט!...

## דער ספאדעק

חיים חייקעל הירעוזקער איז אמאהל אין א גרויסען שטערם ווינד געגאנגען פון הירעוזקע-קיין זשמירעווקע אתרוג בענטשען, אונ דער ווינד האט איהם פארטראגען דעם ספאדעק. – מילא לאמיר אוועקלייגען חיים חייקלען אונ רעדען פינ'ם ספאדעק: דער ספאדעק האט זיך געקאטשעט וואלד אוים וואלד איין, ניט אוים ניט איין ביז ער האט זיך פאפאדעט אין א ווייבערש שולכען אריין אונ איז געבליבען ליגען סאמע אויף א מויזען נארע. – דיא אלטע בערעכע איז געקומען אין שולכען אפרעכטען חצות, אונ זוכענדיג דעם סטאטשעק אין דער פינצטער, האט זיא אנגעטאפט דעם ספאדעק, אונ איז טאקע באלד אנידערגעפאלען חלשות. – פינ'ם שומרים לבוקר שולכען, וואס איז געוועזען איבער א גראטע מיט'ן ווייבערשען שולכען, האט מען דערהארט דעם רום פון דער בערעכע, אזוי זענען זייא אללע אי איין שרעק זיך צעלאפען מיט דיא טלית אונ תפלין'ס גלייך אין ווייבערשען שולכע

## דער ספּאַדעק

אַריין – אַיין מויז, וואָס זיא האָט דערהאַרט דיא ווילדע טרעוואָגע אונ האָט זיך גיכער געוואָלט אַרויס חאַפּען פינ'ם ספּאָדעק אין דער נאָרע אַריין, האָט זיא פון איילענעש אָפּגעשטופּט דעם ספּאָדעק פון דער נאָרע אונ האָט זיך געראַנגעלט אונטערען ספּאָדעק אויף אַרויס – מיינע שומרים לבוקר'דיגע האָבען דערזעהען אַ ספּאָדעק ריהערט זיך, איז מען באַלד אין איין אינפּעט געלאָפען צום רבין. – דער רבי מיט זיין גאַנצער חברה האָבען געחאַפּט דאָס קלאַפּערגעציינ; דער אַ סלאַווי-טער זהר, דער איין אָסטראָער שערי ציון'דיל, דער איין אַלטען מעבר יבק, דער אַ קראָם פינגערעל, דער אַ שטיקעל אפיקומן, דער איין אַלטע הושענא – דער רבי אַלליין האָט געחאַפּט זכות אבות אין איין האַנד, אונ דעם לולב אין דער אַנדערער אונ מע הולך'ט אין ווייבערשען שולכען אויף קדוש השם, אויף דער טהיר האָט דער רבי אַ געשריא געטוהן „בשם כל השמות הקדושים, זאָג ווער ביסטו?!“ – דער ספּאָדעק שווייגט, „בשם אבות הקדושים והטהורים, בעווייז זיך“ דער ספּאָדעק שווייגט, „אַני דן בן קן בין גוזר אויף דיר זאָלסט זאָגען ווער דוא ביסט!“ דער ספּאָדעק וויא אויף צו להכעיס שווייגט. דער רבי האָט זיך אויף אַ פּאָר שעה פערטיעפט אין עולמות, אונ האָט מיט אַ מאָהל אַ געשריא געטיהן „דאָס איז אַ גלגול פון אַ ווילנער מתנגד! טוהט איהם זיין רעכט!“ מע האָט אַרום דעם ספּאָדעק געמאַכט שבעה הקפות, געבעטען מחילה אונ מע האָט איהם מקבר געוועזען וויא עס קעהר צו זיין. – לאָמיר אַוועקלעגען דעם ספּאָדעק אונ רעדען פון חיים הייקלען: חיים הייקעל האָט פון דער מעשה געטשאַהנעט אונ געטשאַחנעט אונ האָט קיינעם ניט מגלה געוועזען דעם סוד. . . ערשט בייא זיין גסיסה האָט ער פאַר אַ מנין זיך מתודה געוועזען אַז דאָס איז זיין ספּאָדעק אונ מיט שמע ישראל איז איהם דיא כשרה נשמה אַרויס. – נאָך עד היום ליגט חיים הייקעל פון איין זייט; דיא בערעגע פון דער אַנדערער זייט אונ דער ספּאָדעק אין מיט'ן. – אָט אַ ספּאָדעק, דעם לעכטיגען גן עדן זאָלל ער האָבען! –

## ר"ח – מנחם אב

### דער מולד איז פון יענער זייט המארע.

זינט איך לעב בין איך ניט געוועזען אַזוי צופרידען
וויא שמחת-תשעה באב בייא יודען!
אַז מע האָט נאָר אָנגעהייבען דיא קינות זאָגען
האָבען זיך דיא קלוינער באַלד צושלאָגען
בוזיקעס זענין געפלויגען פון אַלע זייטען
ספּאָדקעס האָבען זיך אָנגעהייבען בייטען;
אַ ספּאָדעק פליהט אַהער, אַ ספּאָדעק אַהין
מע וואָלט אַנטלאָפען – איז ניטאָ וויהין!



### אב

דאָרט פליהט אַ טילעב, דאָ אַ פּאַנטאָפּעל
דאָרט אַ סטענדער, דאָ אַ קנאַפּעל
ווער שמיסט דיא עטליכע נאַרנים
וואָס מאַכען בייא קינות אַ-קרום פּנים
וואָס פאַרגיסען טאָקע נעביך הייסע טרעהרען
אויף חורבן בית המקדש עס זאָל געבויעט ווערען
אָ דיא נעביך בעקימען גאָר דעם שלאַק
זייא האָט מען געוואָרפען וויא איין אַלטען זאַק
וויא אַ סטענדער, וויא אַ גמרא
וויא אַ לייד, וויא אַ צרה
זייא האָבען נאָך געדאַנקט גאָט פאַר דעם
וואָס זענין חאָטש לעבעדיג אַנטלאָפען אַ היים
מילא מיט דער צייט האָבען זיך דיא קלעפּ פערהיילט
נאָר מיט דיא בוזיקעס האָבען זיי זיך אַ צייט געקוועלט
זייא האָבען געהאַט צו טוהן אַ קייליכדיג יאָהר
ביז עס איז זיי אויסגעקראָכען דאָס גאַנצע ביסעל האָאָר
אַרויספּלאָנטען דיא בוזיקעס איז געוועזען אונמעגליך
וויא מע זאָל בראָקעווען פּאַסאָלים פון טייגליך
זייא האָבען אַ גאַנץ יאָהר געקליבען, געקליבען
אינ אַ קאָפּוועטהיג איז זייא אויף תמיד געבליבען.
אַקוראַט אַזאַ הינטישע ראָלע
שפּילט מען בייא אַ פּוילישער כלה
אַז מע הייבט זיא אָן צום באַדעקענס אויסרעכטען
אונ מע דאַרף איהר צעפּליך פאַרפלעכטען
דעמאָלט קען פּשוט דאָס האַרץ צוגעהן
קוקענדיג אויף איהר ביטער געוויין
הונדערט גבאיטעס שטעהען אַרום איהר
איטליכע וויל אַ צעפּעל פריהר
זיסעל רייסט צו זיך אַ ביסעל האָאַר
יענטע האַפּט צוויא צעפּליך גאָר
דוואָסע שרייט וואָס קומט איהר צוויא?
לאָז חאַנצע נעמען איינם פון זייא!
יאַחנע שטעהט גאָר בייא דער טיהר
חאַפּט גנענדיל אַ צעפּיל אונ דערלאַנגט עס איהר. . .
קריינצע טוהט נאָר איין פלעכט
שרייט שוין וויטע: פּע! אַזוי איז שלעכט
אונ חאַפּט דיא מינוט צו זיך דעם צאָפּ

## אב

אז דער כלה פאלט שיר אראפ דער קאפ
זיא פאסט – אונ דיא היץ ברענט
אונ דא וואליען דיא גבאיטעס אויף איהר דיא הענט
אונ בענשען זיא מיט'ן זווג אזוי לאנג
ביז זיא פאלט חלשות – געפעהרליך קראנק
מילא זיא דרעהט זיך אויס פון דער נויטה
נאר דער צעפיל-קאפוועטהיג בלייבט איהר ביז אין טויט
אזוינע מנהגים איז דא ביי יודען א סך
איינער צום אנדערען איז ניט גלייך
א בוזיק, א צעפיל, א דריידעל, א כפרה
אבי א נייע לייד, א נייע צרה!
נאר הלוואי וואלט אללע יום טובים אזא שמחה געשעהען
וויא ביי דיא חסידים איז תשעה באב געוועהן! ...

## איינינע חדשות

מע זאגט אז דער גרויסער ר' איציקיל ז"ל, פלעגט אללע פרייטאג פארנאכט אויפעססען דיא יוך מיט'ן צימעס וואס מען האט אויסגעקאכט אויף פרייטאג צונאכטס. איין מאהל האט איהם זיין ווייב עליה השלום א פרעג געטוהן פארוואס ער איז זיך אזוי נוהג האט ער מיט זיין הייליג מויל א זאג געטוהן מיט כעס אונ מיט א ציטערניש: איך האב מורא פאר'ן רב, ער קענן אויסזוכען עפיס א שאלה אויף דעם פלייש אונ מיר טרפה מאכען דאס עסען?

---

גיט לאנג איז געשטארבען א גרויסער בעל שם, אז מען האט איהם אפגעטוהן זיין רעכט האט מען גענומען זוכען אין זיינע כתבים, טאמער וועט מען געפינען עפיס טהייערע סגולות; מען האט געזוכט אונ געזוכט דרייא טעג מיט דרייא נעכט אונ מען האט גארנישט געפונען, אויפ'ן פירטען טאג האט מען אין זיין שערי ציון געפונען א שטיקעל פאפיער, איז דארט געשטאנען דיא סגולה:

---

אז עמיצער וויל רייך ווערין זאלל ער קויפען 10,000 טשעטווערט ווייץ צו 8 רו"כ דעם טשעטווערט אונ באלד פארקויפען צו 12 רו"כ דעם טשעטווערט וועט ער באלד רייך ווערין, מע זאגט, אז א סך מענשען וואס האבען דיא סגולה געטוהן זענין טאקע זעהר רייך געווארען.



# ר"ח – אלול

## דער מולד איז נאך דעם פריהעריגען.

דא בלייבט דער פערפאסער
שוין גאר אהן כח
ווארען א פיש אין וואסער
ציטערט היינט אויך!

נאר ווייל דער בית המדרשניק פייפט
אונ דער קלויזנער קנאקט
בעקים איך א ביסעל קראפט
צו האלטען צום טאקט

חאטש דיא קלויזנער בחורים'ס תקיעות
האבען אויף מיר געמאכט א מורא
נאר איך דערפיהל שוין דיא ישועות
פינעם פרעהליכען שמחת תורה

ווארען איך געדענק נאך פון לאנג
אז דיא אלול'דיגע מרה שחורה
איז נאר איין אונטערגאנג
ביז שמחת תורה.

שמחת תורה טוהט נאר א שמעק
פארגעסט מען שוין גאר דאס
ראש חודש אלול געהט אוועק
א בעל הבית בלייבט א בעל הבית

איך קען מיין נאראד
איך קען זיך אליין
ער איז פון דעם זאוואד
וואס קימט נאר אפ מיט געוויין

וויא א מאשין אקוראט
אז מע דרעהט אן דיא שפרינזינע
אזוי בעט ער גאט
מיט איין אויסערליכע מינע.

אונבעדיינקט, אונבעטראכט
ווערט פליצים אין שול אזאווערעמע
ערב ראש השנה אויף דער נאכט
ביים ובכן תן פחדך!

## אלול

ער בעסערט ניט זיין חאראקטער
חאטש שים אין איהם א קויל
זיי איין אונ איינציגער פאקטער
איז נאר דאס פוסטע מויל! –

פון עפים וויסען דיא טייטש
איז איהם גאר ניט לכבוד
בעכער זיין א יונגאטש
אונ שרייען אויפ'ן קול „לדוד...."

קוילען יענעם איז גרינג
ביי דעם אלטען כידור
אבי מיט'ן קאלטען צונג
קנאקט ער דעם גראבען סידור

דאס וואוילע ווייבעל – זעהט
אין איהר שטעקט טויזענט רוחות
אונ אז ראש השנה געהט
לויפט זיא אויך צו סליחות!

איז יענער אין א צרה
דערלאנגט ער איהם נאך א קלאפ
אבי ער דרעהט דיא כפרה
דריי מאהל ארום דעם קאפ!

פון מיטלייד איז ער אויסגעשפאנט
רחמנות איז ביי איהם א געשפעט
צום סוף וויא א קאמעדיאנט
קנאקט ער דעם על חטא! –

ער ווייסט ניט וואס איהם פעהלט
ער טוהט אללעס מיט לצנות
ער מיינט – ער ווערט געהיילט
מיט דעם פיסנע תענית.

ער וויינט אונ שרייעט אצונד
דאס נארט ער נאר דיא באבע
ער לענט נאר אפ דיא זינד
אויף נאך הושענה רבה.

קוים טיהט ער א קלאפ
אין סטענדער מיט דער הושענה



איז איהם שוין פריי דער קאפ
אונ ער האט שוין א קלארע טענה

איך האב דיך געדינט געטריי
אין דיא תשובה טעג
צונד מעג איך פראנק אונ פריי
געהן אין מיין אלטען וועג!

צונד לאז מיך צורוה גאר
לאס איך מיר טוהן מיינס
אם ירצה השם איבער א יאהר
וועל איך דיר אפגעבען דיינס! –

## ירידים

אין זיבעציג שעה מיט עלף קאפ אין כסליו איז אין ראחמעסטריווקע א יריד
דארט קריגט מען פון אלדעם בעז אונ שלעק
ביים רבינ'ס גבאים קריגט מען פעטש אויפ'ן פור
אונ אין קלייזעל קריגט מען וואלוועל דעם לעק
ביים רבין קריגט מען שנייא אונ רעגען
א סגולה צו פערלירען דאס פארמעגען
שלש סעודות פייגעלעך
י"ב חלות בייגעלעך
בני, חיי, מזונא,
פארט גיכער ווארין עס איז אין קונה!

מאנטיג בין השמשות אין טשערקאס אויפ'ן מארק
קריגט מען דעם רבינ'ס מטבעות
זייער קורס פאלט זעהר שטארק
זינט דיא גלוהים זאגען דעות.

חוץ דעם קריגט מען נאך טייערע חפצים
דער רבי האט זייא ארויסגעשיקט פארקויפען
טלית קטנ'ס, תחתונים, פאנטאפעל, לצים
ווער עס וויל לאז גיכער אהין לויפען!
דער רבי איז צונד זעהר געאיינגט אין געלט
קען מען זייא וואלוועל קריגען אויפ'ן טאלטשאק

# ירידים

ער וואלט מיט זייא אליין געפארען אויף דער וועלט
האט ער מורא פאר'ן אסטראג!...

---

אין אדעססא ניט דא געדאכט
ערב תשעה באב האלבע נאכט
סאמע אין דער הינטער גאס
וויא עס וואהנען פיסטע אפיקורסים, לצים
איז דא א יריד פון טייערע חפצים:
שאלעכץ פון פארשטינקענעם קאלבאס,
אקורקעס פון שבת'דיגען פאפיראס,
פלייטיך פון א ראנע
קלייען פון א וואנע
הויזען מיט אויסגעפאלענע קניעס
בייא־גארטעלעך פון רצועות
פיסלעך פון ראקעס
ווילדפלייש פון מכות
א קעמעל אהן ציינן
פון עלפאנד ביין
פון א קאלאש א שפארען
פון א הערש א הארען
בילדער פון אלטע מערען
חוץ געשליפענע צרות און ליידען!...

---

אין דיא מאווריער דערפער איז שטענדיג א יריד
דארט קריגט מען ארץ ישראל יודען אויפ'ן פיד
זייא ברענגען זעהר א גרויסע נוטץ
מע קריגט בייא זייא פון אלדעם גוטץ
הר הזיתים שטיינער
עלפאנד ביינער
דעם רמב"ם'ס קמיעליך
צינערנע האיאליך
א געדריקטען שיר המעלות
א געשריבענער יעלות
מר דרור צום שמעקען
א מאנדעל פון אהרנ'ס שטעקען
א זמר צו דער מלוה מלכה
פינ'ם בעל־נס ציבעק דיא נאקקע



# ירידים

ערד פון אונטער חולדה הנביאה
א שטריקעל פון המנ'ס תליה
פון חמי טבריה געקאכטע אייער
א סטענגע פון דבורה'ס שלייער
אדם הראשונ'ס פאטרעט
א פיסעל פון עוג מלך הבשנ'ס בעט
פון דער תבה א קלין
פון מערת המכפלה א בינן
א צעפיל פון אבשלום'ס קאפ
א האר פון ושתי'ס צאפ.
גיבער קינדערליך, בעצייטענס רופט
דאס ווערט זעהר גיך אויספארקויפט
יודען זיינען אין אזוינע חפצים זעהר געריך
זייא וועלין אודאי ניט לאזען עס זאלל חמצ'דיק ווערין!...

---

פון ראש השנה צו ראש השנה, א קייליכדיג יאהר
איז א יריד אויף דער גאנצער וועלט
דארט איז דא חפצים וויא פיל אין קאפ האר
וואס מע קריגט זייא גאר אין גלייכען געלט:

---

מיט ארימע יתומות
מאכט מען אין קאנסטאנטינאפאל א טארג
קענסט גאר אויסבייטלען חלומות
אינ נעמען עס אויף בארג!...

---

דארט קריגסטו אויפ'ן סליד
בערד פון פוסטע גלוחים
קריגסט ביים קברות יוד
לייוועגט פון תכריכים!..!

---

אונטער לאנגע זשיפיצעס, לאנגע בערד און פאות
איז דא פון מאסקירטע בילדער א יריד
אונטער קערצע רעק מיט פרייע דעות
קריגסטו אבזריות אויפ'ן פוד!...

---

## ירידים

בּיים רבּין קריגסטו פאר ח״י דרייא מאהל
א פּיללען כּפּארעק מיט ווינדער
רפואות צו קראנקהייטען אהן א צאהל
און סגולות צו קינדער!

---

דארט קריגסטו איידעלע קאפּ
זעהר פארטוהן אין געלט אינטערעס
בּייא חברה קדושה קריגסטו קלעפּ
וואס זייא האבּען געפּאטשט א געבּילדעטען מת!

---

א כּלל דוא קריגסט אלעס נאר אהן מיה
ראבּינעווע, גזלן יענעמס געלד און געוויסען
נאר פאלג מיך קוק זיך ניט צו
זייא ניט אין כּעס, לאז דיך ניט פערדריסען!...

---

איך האבּ זעהר מורא טאמער קומט משיח
האבּ איך גיכער געמוזט קאנטשען דעם לוח!

---

מיר קען זיך למשל פארשטעלען
אז מיין לוח טרעפט דורך אויס
נאר אויבּ אייך וועט ער ניט געפעלען
נעמט זשע און ווארפט איהם ארויס!
נאר קודם כּל בּאצאלט קארשט מיר
איך בּין ניט קיין קהל׳שער נאר
דאס ווערטעל דאכט זיך ווייסט איהר
„אז דער לוח טרעפט ניט וואס קומט איהם דערפאר?“

---



## א געשפרעך איבּער׳ן פּוילישען יונגעל

**מנחם מענדעל**—זאג נאר געצעלע; דוא האסט דאך א מאהל איין איינגאנג צו דיא לייט, קענסטו ניט דעם יאטשמוניק וואס האט געמאכט דעם לוח?

**געצעלע** — וויא הייסט? און דוא קענסט איהם דען ניט? ווער קען ניט צחקיאוליקען, ר׳ נפ׳סים זיהנדעל?

**מנחם מענדעל**—ר׳ נפי׳ס וציונעיר׳ס זוהן! אך, איך קען איהם גוט, נאך אז ער פלעגט זינגען גואלי בּייא אונז אין קלייזעל, אזוי? איז ער זיך גאר פון אונזער חברה!...

**געצעלע** — מן הסתם איז ער פון אונזערע לייט, דאריבּער איז ער זיך אזוי געניעט אין אללע חסידישע ענינים! וואס דען מיינסטו; יענע עבריושים וואלטען קען שכל געהאט אזעלכע ענינים אנצושרייבּען? אסור! זייא זענען זיך טאקע פּשוטע בּהמות, זייא ווייסען טאקע מעהר ניט נאר טוהן וואס מע טאר ניט און גענוג, ווייטער פרעג זייא בּחרם, וואס מיר חסיד, ווער מיר דייטש?

**מנחם מענדעל**—ווייס איך וואס דוא רעדסט? קארג הולטייעס בּעשרייבּען אונזער חברה, וואס זייא זענען נאך פון דער מאמעס בּויך הפקרים, חצופים? ווייס איך זייא ווערען זיך שוין צוזעצט שרייבּענדיג אללע שעה א נייעס, זאלל עס נאר זיין פון אונזערע לייט? —

**געצעלע** — עט מנחם מענדעל, בּיסט נאך גאר א קינד, אט בּין איך זיך א מענש פינ׳ם רבּין נאר דערוויף, איך זאל נאך שנארען אללע זייערע בּיכלעך אויף עבריי טייטש (ווארען פון לשון קודש ווייסטו דאך אז מיר זענען אללע ב״ה געהיט) און וועלכעס צו לאפּטשעט גוט דאס דארף איך צושטעלען דעם רבּין. נא, פרעג זשע מיך, איך האבּ מיר שוין גענוג מיינע צייהן אויסגעקרישעט אויף זייערע געשעפטען, זאג איך דיר אז כּמעט אללע קומען ארויס פון אונזער חברה — והא ראיה — דער וואס איז טאקע א געבּוירענער הוילער דייטשון, צי ער איז אזוי פון אלדע רוחות געווארען א טוהער, האבּען טאקע זיינע שרייבּעכצען א פּנים פון זיין שווארץ יאהר...

**מנחם מענדעל**—נאך דיינע דבּורים נאך, האט דער דרעקטער אליין אפּנים געמוזט זיין גאר דער פייעריגער חסיד, ווערליג מע זעהט פון זיינע שרייבּעכצען ארויס, הא?

**געצעלע** — דער רעדאקטאר מיינסטו? עט בּיסט גאר א נאר — דוא מיינסט ווייל ער שרייבּט א סך וועגען אונזער חברה? נאר, נאר אין א גרויסען ווארעק איז א סך זויערמילך. — דוא פרעג מיך: זיינע סך שרייבּעכצען איז פון האפּ לאפּ אזוי וויא א מיטטאג פון דיא בּיידעל-שלעפּערס: פון דאנעט א שטיקעל פוטער, פון דארט א בּיסעל קעז, פון דעם א לעבּיל בּרויט, פון יענעם איין איי, פון דארט א בּיסעל בּארשט און פון דאנעט א שטיקעל פלייש — און בּסך הכל האט עס

## א געשפרעך איבער'ן פוילישען יונגעל

אפנים פון א נגידעשער פאמעניצע – אללעם געפינט זיך דארט נאר פארט א פאמעניצע!

**מנחם מענדעל**—וויא הייסט? מן הסתם אז ער האט זיך גענומען צו אזא מלאכה, קעהר ער זיך אפנים אליין אויך ניט זיין קיין קטלא קניא.

**געצעלע** — א, א! קארג מענשען נעמען זיך צו אזוינע מלאכות וואס זייא ווייסען אפילו ניט מיט וואס מע עסט דאס? – אט קען איך דיר ווייזען א קליינעם משל פון אונזערע לייט וועסטו שוין פארשטעהן ארום און ארום: אט נעם א שטייגער זיכאלען, ער איז אוודאי עפעס א בעלפערס צי א שניידערוקס א זיהן און איז אליין אויך אפשר ביז דרייסיג יאהר געוועזען א חיט און פלוצים האט ער זיך פערלאזט א פאר פאות מיט איין אויסגעוויקט פנמ'יל און איז מיט געוואלד אריין געקראכען אין א ווייסע זשיפיצע און מאכט דיא שפיעל – מילא דער המון עם קוועלט פון איהם גלייך וויא פון עפעס רעכטס, אבער דער מבין זעהט דאך וויא לעפעש אויף איהם איז דיא ווייסע זשיפיצע נאך מעהר וויא אויף ירוחם'ן דיא אדעססער שיהל! –

**מנחם מענדעל**—פאר וואסישע זאל דער מבין ניט גיבען צו פערשטעהן דעם המון עם וואלטען זייא דאך ביסלעך ווייס ארויסגעזעהן און וואלטען אפגעטרעטען פון איהם וויא מיר א שטייגער האבען שוין א סך פראסטאקעס אפגערעט פון זיכאלען – און צום סוף פארמערען זיך נאך אלע טאג לייענערס אויף דיא יודישע גאזעטען? הא?

**געצעלע** — קארג האט דער המון עם געלעקט דיא פינגער פון בעריל בראדערס ליעדער? און נאך היינט אויך. – נאר דארף מען נאך מעהר פוסטע וויא בעריל בראדערס ליעדער זענין? פריטא זעהען מיר דאך! – זעהסטו, אז עס האט שוין אנגעהויבען זיך יאווען פון היינטיגער חברה רעכטע שירים מיט געדאנקען, אוודאי וועט מען מיט דער צייט ארויס זעהן דעם חלוק און מע וועט מיט יענע ליעדער כפרות שלאגען. – דער ווייל זענין דיא יודעשע גאזעטען פיעל מיט שמאכטעליאקעס פינ'ם רעדאקטאר און פאר וואס? טאקע נאר דער פאר, ווייל ער איז אפילו ניט געזעסען קיין מאהל לעבען א חסיד און ווייסט אזוי וואס גוטער יוד איז, וויא מיר ווייסען וואס זייא רופען אן עפעס ציבולעוואצי...

**מנחם מענדעל**—עפעס איז דאס ניט צו גלויבען – נאך א מאהל, דאס פוילישע יונגעל איז זיך דאכט זיך אויך פון דעם אייגענעם ימחשטוניק, פון צחקיאוליקלען? הא? נא, יא נא – נא, ער איז זיך שוין בייא דיר דער בריה, א יא? צום סוף שטעהט בפירוש אויפ'ן שער פינ'ם פוילישען יונגעל, אז דער רעדעקטאר האט עס אויסגעפיינט און אין עטליכע מקומות זיינם צוגעשטעלט, נא מן הסתם איז ער זיך יא עפעס, עס הייסט א. א. א. א. שטיקעל מענש וויא זייא רופען עס אן. –

**געצעלע** — הא הא! גוט וואס דוא ווייסט – וועל איך דיר טאקע דערצעהלען דיא גאנצע מעשה דערפון.



## א געשפרעך איבער'ן פוילישען יונגעל

**מנחם מענדעל**—וויא הייסט? פון וואנען ווייסטו עס אזוי?

**געצעלע** — פון וואנען איך ווייס? איך האב ניט איין מאהל נאר גערעט מיט צחקיאוליקען האט ער פאר מיר שעור געוויינט, וויא אזוי דער רעדאקטאר האט איהם אבידעט מיט'ן פוילישען יונגעל, ער האט דאך גאר בכסך הכל ניט געוואלט דרוקען דאס פוילישע יונגעל אין „קול מבשר", האט ער מיר געוויזען אפשר צעהן בריף פינ'ם רעדאקטאר וויא אזוי ער האט עס בייא איהם אויסגענארט און האט איהם פארגעשטעלט גילדענע בערג, צום סוף האט ער איהר האבער צוויא יאהר געפירט דער מיט, און לא די ער האט נאך אליין נעמוזט בעשווארצען דאס פנים און אפצאהלען דעם דרוק – האט ער נאך געמוזט בעשטעהן דארויף, אז דער רעדאקטאר מעג איבער מאכען און איבערקעהרען דאס פוילישע יונגעל פון קאפ ביז פיס; אלא ניט גיט ער איהם ניט אפילו איין ביכעל דערפון!...

**מנחם מענדעל**—וואסישע האט ער דערלעגט דערצו אז דער רעדעקטאר האט זיין אייגענס צו געזעצט? איז דאך דערפאר דאס ביכעל גרעסער געווארען?

**געצעלע** — אי ביסט נאך טאקע גאר א שוטה! איין מאהל פארשטעה אליין אז א בוך איז ניט קיין גלאזעל משקה אז יענער וועט דיר צוגיסען פון זיין גלאז מאכט עס ניט אויס, ווילסטו טרינקסטו ווילסטו ניט לאזטו איבער, און א בוך אבער אז יענער לעגט צו זיינס, בעקימט שוין דאס בוך גאר איין אנדער פנים, איין אנדער ריכטונג וואס דער מחבר האט דאס גאר ניט געמיינט. – היינט פארשטעה, אז יענער דערגיסט דיר נאך גאר ביין גלאז וויין אשטייגער מיט ביער אדער בארשט אדער גאר מיט הייוועז דארויף וועסטו שוין אוודאי ניט בעשטעהן – הא? נא, היינט אז ער האט זיין בוך ארויסגעגעבען נאך זיינע געדאנקען, נאך זיין שכל נאך פאלקאמען, וואס נאר אזוי איז זיין צוועק עררייכט און איטליכס ווארט בעדייטעט זיך אויף זיינעס, און פלוצים נאך אללעמען קומט איינער, גאר מיט אנדערע געדאנקען, מיט אנדערע מיינונגען, מיט גאר איין אנדער צוועק און ריקט איהם אריין כמעט אין יעדען בלאטעל זיינע צוזעטצליך, זיינע שפיצליך, וואס ווען דיא צוזעטצליך זאללען אפילו אין זייער הינזיכט זיך זיין גוט, איז זיך שוין אויך דעם מחבר'ס צוועק פערדארבען, ובפרט אז דיא צוזעטצליך זענין אזוי גרין אזוי אהן טעם, אז זייא פערענדערען כמעט דאס גאנצע פוילישע יונגעל אויף דער לינקער זייט! נא, דארפסטו שוין ניט פרעגען, וואס איהם הארט?

**מנחם מענדעל**—וויא הייסט, מן הסתם איז זיך דער רעדעקטאר ניט משוגע גאר אין גאנצען ער זאלל צונויף מישען, קשיא מיט בארען-צימעס? – הא? –

**געצעלע** — נאך ע־נער פון קשיא מיט בארען-צימעס! נאך א מאהל, א מענש, וואס הייבט ניט אן צו ווייסען וואס הייסט חסיד, וואס איז גוטער יוד? אויף וואס איז אסנאוועט חסידות און מיט וואס שארט חסידות אדער

מיט וואס פארעכט זייא דער וועלט? א מענש וואס איז זינט ער לעבט געוועזען א בריה בפני עצמו, עס הייסט איין אפגעזאנדערטער פון אללע קהל'שע סכסוכים, פון אללע חברה'שע ענינים, פון אללע געזעלשאפטען. — א מענש, וואס האט אויף זיין לעבען ניט געהארט ניט איין פאלקס-געשפרעך, ניט איין ראזסוזשדעניע פינ'ם המון עם, ניט איין בעשלאסענע מיינונג. — וואס איז ניט בעקאנט מיט זיי'ן פאלקס-לעבענס-ווייזע בכלל און מיט'ן פוילישען לעבען בפרט; א מענש, וואס דורך זיינע בעזאנדערע פערהאלטניסע איז גאר ניט אימשטאנד צופיהלען דעם חסיד'ס ברענן, דעם מתנגד'ס תקיפות, דעם נגיד'ס דעספאט, דעם בעל-הבית איינפאכקייט, דעם בעל-מלאכה'ס פראטענזיע, דעם משרת הפקרות, דעם ווייבערשען זעלבסט אונטערווארפונג און דער יענקעס-מויד'ס אייפער. — א מענש, וואס קען גאר ניט די שפראכע אויף וועלכער דער פוילישער חסיד גיסט אויס זיין וואס-טארג, זיין חנופה, זיין עוות, זיין טויגעניכטס, זיין פאלש התלהבות און זיינע טונקעלע הסכמות אויפ'ן לעבען; אויף וועלכער דער סבארשטשיק גיסט אויס זיינע אונמענשליכע מערדעריען; — דער מקבל זיין זעלבסט-פערניכטונג. — דער שווער זיין אפעקונסטווא; דער איידעם זיין הכנעה. — דער האלבאריסטאקראט — זיין פרייהייט. — דער סוחר — זיין געניטשאפט. — דער מאנן זיין פאראאנסטווא, און דאס ווייב — איהר ראבסטווא! — מיט איינעם ווארט א מענש, וואס ווייסט ניט די סאטירע, דאס ערנסטקייט, דעם וויטץ, דאס ווארטשפיעל, די קאלאמבורען, די אקסטראאומיע און אללע וויהארקעס ניט פינ'ם פאלק, ניט פון זיין שפראך און נעמט זיך אונטער אריין צוזיצען די צונג אינ'ם פוילישען יונגעל און ראזסוזשדייען איבער'ן פוילישען לעבען!

מנחם מענדעל — איך וואלט אונמיקטען א בעלן געוועזען זאלסט מיר ווייזען א פאר שטיקלעך פון זיינע צוועטצליך, די קשיא חלעבען, לאס איך אויך עפעס וויסען.

געצעלע — מאהל דיר, איך קען דיר ווייזען אזוינע שטיקלעך א סך וועלכע צחקיאליקעל האט זייא אין זיין פויליש יונגעל וואס ער האלט פאר זיך אליין אויסגעמעקט! פון די שטיקלעך וועט זיך צונויף נעמען אפשר 15 ביז 20 בלעטליך. — נאר וואס דען? אז ווייא באלד ווייזען איז דאס א מעשה אהן איין עק, אז כמעט אין יעדער שורה, כמעט אין יעדער פראזע האט ער אליין אריינגערוקט זיינע גרינגע המצאות און האט אזוי איבערגעקערט יעדען זאטץ אז עס איז שוין גאר שווער ארויסצובראקעווען דאס גוטץ פינ'ם שלעכטץ, סיידען גאר דער גרויסער מבין, וואס ער פיהלט בשעת לייענען דאס פוילישע יונגעל דעם איינגענעם טעם וואס דער מחבר האט געפיהלט בשעת מאכען — דער פיהלט אודאי דעם גרויסען ווייטען-חילוק צווישען מחבר'ס ווארטער און צווישען זיינע: דעם גרילצט אודאי אין די אויערען איטלעכס צוגעזעטצט ווארט וויא דעם אמת'ן קאמפאזיטאר גרילצט א פאלשער טאהן, דעם רופט אודאי איבער'ן הארצען יעדע פרעמדע





פראזע וויא א סקריפ פון א טאטערשע מאזשארע; דער זעהט ערשט ארויס וויא ווייט דער רעדאקטאר האט פארדארבען דעם ריכטיגען צוועק פינ'ם פוילישען יונגעל. —

מנחם מענדעל — גיב זשע מיר, איך בעט דיך, צופערשטעהן, וואס מיינט דען צחקיאוליקעל מיט'ן פוילישען יונגעל? —

געצעלע — וואס ער מיינט? לייען איבער דאס פוילישע יונגעל עטליכע מאהל און הער זיך צו צו יעדען ווארט וועסטו מיך שוין גאר פארשפארען פרעגען וואס ער מיינט! —

מנחם מענדעל — ווייס איך, איך האב איהם איין מאהל בסוד איבערגעלייענט, דאכט זיך, איך זעה דארט גאר קיין חדושים ניט.

געצעלע — א דאס איז די מעשה וואס מיר זוכען אלץ חדושים, פשט'ליך אויבער-הסברות אין יעדער זאך; דו לייען איהם איבער גאר אהן פשטליך, וועסטו זיך ערשט ארויסזעהן אז ער איז איין חדוש פון אנהייב ביז אין סוף! וואס באטייט דען יער מאמר "המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית" — דער אויבערשטער בעגייעט אללע טאג דאס וואס ער האט אויפגעטוהן בשעת דער וועלט-באשאפען — איז זיך עס אין פלוק א ווילדע פליאה: וואס פאר חדושים זעהן מיר אללע טאג וואס מע זאלל זייא קענען פערגלייכען צו מעשה בראשית? נאר א דאס מיינט טאקע דער מאמר, אז ניט נאר איבערנאטירליכע נסים ונפלאות דערקענט מען דעם אייבערשטענס גרויסקייט, ניין, אין גאנץ נאטורליכע זאכען דארט ליגט ערשט דאס גדלות פינ'ם אלמאכטיגען גאטט! ווארען א נס מאכט זיך זעלטען און נאר איינינע מאהל טרעפט זיך דער נס, אבער דער דרך הטבע פיהרט זיך רעגולארנע פאר אללע גלייך און אין איהם זעהט מען ערשט ארויס די גבורות הבורא. — למשל, אז עס מאכט זיך א מאהל א גרויסע לקוי חמה, צי א ווילדע ערד ציטערניש, צי איינער האט זיך געלייגט שלאפען און איז ניט אויפגעשטאנען, צי כרומה פון אזוינע פלוצליכע צופאללע, וואונדערט זיך א יעדער און די וועלט געהט האראראם "אי א נס, א נס"! און דערויף וואס די זונן געהט אויף אללע טאג און פארגעהט אין איהר צייט, און וואס דער מענש לעגט זיך שלאפען וויא א טויטער און שטעהט אויף אללע אינדערפריה און כרומה, וואס דערינען זעהט מען דאך ערשט יא ארויס די גרויסע השגחה פינ'ם אייבערשטען וואס פיהרט זיך וואונדערבאר זיין וועלט, אויף דעם חדושט זיך גאר קיינער ניט און עס ווייזט זיך אלץ אויס, אז אזוי דארף זיין, א דאס זאגט דער מאמר אז מע דארף דאנקען און לויבען השי"ת, און מע דארף בעוואונדערען יעדער מינוט זיין גרויסארטיגע השגחה פרטית מיט וועלכער ער פיהרט די וועלט מיט אללע איהרע בעשעפניש הכל בדרך הטבע און מע זאלל ניט מיינען אז אזוי דארף זיין, נאר אז איטליכס פיצעלע איז אלץ נייעס, גלייך וויא ערשט באשאפען געווארען און אללע נסים ונפלאות שטעקען ערשט נאר אינ'ם דרך הטבע! נמצא אז ניט

קיין מהרש"א'ס קשיא, ניט דעם פרי מגדים'ס שפיטצלעך, דעם מהר"ם שיף'ס קרוטשקעליך קענען מאכען איין איינדרוק אויפ'ן שכל הישר, ניט זייא קענען ענטוויקלען דעם מענטשענס אינערע געפיהלע, ניט זייא קענען ווירקען אויפ'ן פראסטען נאראד, נאר אזא ביכעל ווייא דאס פוילישע יונגעל, וואס געהט ניט ארויס א שאג פינ'ם געוועהנליכען לעבען, נאר דאס קען פיהרען צום אמת'ן תכלית, נאר דאס קען אפענען דעם נאראד דיא אויגען!

מנחם מענדעל—וואסישע זעה איך דארט? וואס אפענט ער מיר דיא אויגען? —

געצעלע — וואס ער אפענט דיא אויגען פרעגסטו? לאס מיר זיך נאר ניט נארען, אז מיר קוקען זיך איין אינ'ם פוילישען יונגעל האבען מיר דאך אפנים פון טויזענט שווארץ יאהר! דארף מען נאך מעהר שבט מוסר ווייא ער איז? נאך א מאהל, א ספר, וואס שטעלט אונז פאר פון קאפ ביז פיס, וואס מאלט אונז אפ פון אויבען ביז אראפ, וואס זאגט אונז אויס אונזערע פעהלער אויף יעדען שריט, וואס קריכט יעדען אריין אין טיעפען הארצען, און נישטערט דארט אויס אין איטליכען ווינקעלע און ווייזט עס ארויס פאר אונזערע אויגען אז מיר קוקען זיך אליין אן נאך בעסער ווייא אין א שפיגעל. א ספר, וואס רעדט אונזער שפראכע מיט אללע פישטשעוקעס, וואס ווייזט אונזערע חאראקטערען פינ'ם גרויסען גביר ביז דעם הקדש'ניק, וואס פיהלט מיט איטליכען הערץ גלייך; וואס צערגלידערט אונזערע מחשבות וואס מיר דענקען אפילו בחדרי חדרים; וואס אפענט אונז אויף דאס בוך פון אונזער געוועהנליכען לעבען, און יעדער קארטינע שטעלט זיך פאר אונזערע אויגען אזוי אמת, אזוי ריכטיג, אז יעדער אין זיין פאך פיהלט זיך און דערקענט זיך, און פלאגט זיך, און מיינט ניט אנדערש נאר אז דער מחבר זיצט בייא איהם אין קאפ, אין הארץ, אין דיא גרגרת און מיט א גרויזען מיקראסקאפ זעהט ער אללעס וואס אין איהם געהט פאר. — אזא ספר, דארפען מיר א סך מעהר שאטצען, א סך מעהר בעוואונדערען פון טויזענדער איבערנאטירליכע ראמאנען, דראמעס, טראגעדיעס, געדיכטע, וואס, אז זייא גיבען שוין יא א מאהל ארויס א פאקט פינ'ם געוועהנליכען לעבען, טרעפען זייא ערשט צו איינעם צי צווייא צי דרייא, און דאס פוילישע יונגעל צי דער לוח טרעפט צו א גאנצען נאראד! —

מנחם מענדעל—אלץ קשה, געצעלע, אז דוא טאפסט שוין יא אזוי אן דעם [illegible] אינ'ם פוילישען יונגעל צ אינ'ם לוח צי כדומה אין אזעלכע ביכלעך, וואס נאך דיינע דבורים נאך, שטעלען זייא. דעם אמת פאר דיא אויגען, פאר וואסישע פאלגסטו ניט וואס זייא שרייבען? פאר וואס פארעכסטו זיך ניט, פאר וואס טאנצטו אלץ נאך אונזער חברה?

געצעלע — דוא פרעגסט מיך דיא קשיא? איך האב חאטש דערפון מיין שטיקעל ברויט און נאך א קערבעל אין דער זייט אויך פינ'ם רבי'ן, אבער דוא





פעכנעסט דאך פאר הונגער, געהסט ארום פיסט און פאס און אבי דיא קארעטע נאך שטופען!

מנחם מענדעל—ארבה, נאך דער גמרא נאך, טוה איך זיך א סך ארענטליכער ווייא דוא; איך געה נאך זייער וועג ווייא א בלינדער, גאר אהן א שום פניה, און דוא ביסט פול מיט פניות, דאס הייסט דיא נשמה פארקויפט דעם רוח!

געצעלע — דוא ווייסט דען אז אזוי ווייא איך בין פון דרויסען, אזוי האלט איך שוין טאקע אינוועניג בייא זיך? גיין ברודער! פרנסה ברענגט דערצו אז מע מוז לפנים אונטערלעקען דעם וואס מע האט אמת פיינד און מע מוז צו חנפה'נען דעם שקר, אבער אין זיך ווייס איך ווייא איך האלט —

מנחם מענדעל—אזוי! ביסטו א חסיד מיט א מסירת מודעה! וואסישע שטעלסטו זיך דא ארויס! אויף א מסירת מודעה בין איך אויך, און ניט נאר איך, כמעט העכער דרייא פערטיל פון אונזער חברה זענען חסידים אויף א מסירת מודעה: נאר דיא קשיא איז: ווען וועט מען שוין ארויסקריכען פון דער מסירת מודעה? ווען וועט זיך שוין בעוויזען דער ריינער אמת?

געצערע — וואס מיינסטו דער מיט וואס דוא זאגסט מסירת מודעה?

מנחם מענדעל—וואס הייסט, דוא פארשטעהסט קיין יודעש ניט? כמעט יעדער יונגערמאן וואס הייבט נאר אן אריינגעהען אין דיא חסידישע ענינים אריין און פאהרט דאס ערשטע מאהל צום רבי'ן, טוהט ער פריהר א מסירת מודעה. — ניט דווקא פאר מענשען, ווארין איינם פארם אנדערע האט דאך מורא צופערטרויען. נאר בייא זיך אין הארצען דענקט ער דיא ווערטער יאיך ווייס, אז דאס אללעס איז שקר וכזב, נאר וואס זאל איך טוהן? אז קיין מיטעל צום לעבען האב איך ניט און וועל ניט האבען, פיעל ווייניג איך וועל ווערין א חסיד פארגעס איך חאטש אין מיינע אללע וועהטיגען; מיט דער מסירת מודעה בין איך אויך א חסיד געווארען, און האב זיך אזוי פאוואלינקע פארבלאנזעט, אז איך קענן שוין ניט ארויסקריכען! —

נעצערע — זארג ניט ברודער! דער עיקר איז דאס, אז מיר ווייסען ווייא מיר האלטען אז מע קען ניט ארויס דערפון? ווארט! דיא צייט וועט אלעס ענטדעקען און אונזערע קינדער וועלין אודאי שוין ניט זיין דאס וואס מיר!

מנחם מענדעל—אמן! כן יהי רצון! —

# פנחס—שמעלקי'ס חתונה

איך פנחס שמעלקע אז איך בין אלט געווארען פערצעהן יאהר האט מיר דער טאטע זאלל לעבען חתונה געמאכט, ביז דער חתונה האב איך ניט געוויסט פאר וועמען איך האב חתונה, נאר איך האב מיר אלץ גערעכענט, מן הסתם פאר א בתולה.

בקיצור קליידער כסעודת שלמה, איין אויפריפענעס בגדי מלכות, איין ארויספאהר אויף דער חתונה אזוי וויא לסוסתי מיט פרעה'ס מכות, נא מע פאהרט! מיר זענין שוין אונטער דעם מחותן'ס שטעדטעל; א דא האט מען עס אנגעהייבען פאהרען אקעגען חתן. — אכלל דיא וועלט פאהרט; דער-קיין יארמעלינעץ אויפ'ן יריד, דער קיין בערדיטשעוו נאך שופרות, דער קיין באלטע נאך אתרוגים, דער קיין חידקעוועץ אויף קברי אבות, דער קיין ארץ ישראל נאך איהלבירטען, דער אויף טארגעס, דער אויף איין ארימע יתומה. — אללע פאהרען אקעגען, נאר איך פנחס שמעלקע מיט'ן מחותן מיט אללע מחותנים און גוטע פריינד געהען געביך צופוס. — מיר זענין יאקאש ניט טויט ניט לעבעדיג אריין אין שטעדטיל אריין, א דא האט זיך עס אנגעהויבען דיא גרויסע וועטשערע; אין אללע הייזער האט מען געקאכט; דא א ראסעלפלייש, דארט א יויך, דא געפיללטע פיש, דארט בארען ציטעס, דא וואליכשען בארשט, דארט קרעפליך מיט קעז. א כלל אומעדים האט מען געקאכט און וויא מע האט געקאכט האט מען געגעסען, נאר איך פנחס שמעלקע מיט דער כלה, מיט אללע מחותנים האבען געביך געדאנקט גאט פאר א פערשימעלטער שישקע מיט קנאבעל. —

יאקאש איבערגעקומען דיא גרויסע וועטשערע אויך, א דא שטעלט זיך מיין בדחן אויפ'ן טיש «אי הרי! הרי! חתן'ס צד דרשה געשאנק»! ער האט נאר אויס גערעט חתן'ס צד קומט אריין א שיכורער מוזשיק און פאלט ארויף אויף מיר; «אי הרי! הרי! כלה'ס צד דרשה געשאנק»! מיין מוזשיק קעהרט זיך אויס און פאלט אויף דער כלה. — אודאי, אודאי איז א שכורער מוזשיק געפאללען פון ביידע צדדים! —

יאקאש מיט דעם מאיאנטאק בין איך פנחס שמעלקע מיט מיין ווייב אראפ אויף איינענע קעסט — א דא האב איך עס אנגעהויבען מיט מענשען מאכען געשעפטען, אללע מאכען געשעפטען — דער א פערדעשע מיהל, דער א ווייבערש בעדעל, דער א יאטקע, דער א... דער האנדעלט שוטינעס, דער חזיר האאר, דער מיט שפיטצען פון דראטוועס, דער מיט דעם וואס מע מאכט בארשטען, דער מיט פאלשע פנקסין, דער מיט אמת'ע משכנות, דער מיט וויערמילך, דער מיט סמעטענע — איך געביך פנחס שמעלקע האב אויפגעטהון פינף קליינע, פיצעליך, ברעקליך נאקעטע קינדערליך! צו דיא אללע גילדינע צייטען האט מיך, פנחס שמעלקע ניט דא געדאכט, ניט דארט געדאכט, ניט היינט געדאכט, ניט געכטען ניט מארגען געדאכט, ניט פאר קיין שום יורען געדאכט





אנגעחאפט א טרייבעניש, היינט איהר דאך אפשר נאר אין דרויסען ארויס, ניין! טרייבעניש פון שטאט צו שטאט, פון דארף צו דארף, פון קרעטשמע צו קרעטשמע און פון שטוב צו שטוב, איך בין געווארען כמעט אויס פנחס שמעלקע. — ויהי היום דערזעהט מיך א גוטער ברודער. — א וואס מאכסטו פנחס שמעלקע? וואס ביסטו אזוי אפגעשלאפט! — סטייטש, דו ווייסט ניט, זאג איך איהם פון מיין אומגליק? שוין העכער פיער יאהר אז עס טרייבט מיך, און איך ווייס דער צו קיין תרופה ניט! — אזוי? איך וועל דיר געבען איין איינעהמעניש וועט עס דיר באלד איבערגעהען! «וואסזשע ברודער»? — נעם איין געלט, נאר צו ביסלעך ווייס, אללע שעה א גילען און וואס ווייטער מעגסטו שוין אפילו איינעהמען א קערביל וועסטו זעהען אז עס וועט דיר אפטרעטען»! מיילא, גלייבט מיר אז טייוועלסקויטה איז א הונד אקעגען דעם איינעהמעניש! ביטער איז דאס וויא דער טויט; שווער וויא יראת שמים, נאר איין מעלה האט דאס: וואס מעהר מע נעמט איין מעהר וויל זיך. —

יאקאש איך פנחס שמעלקע בין שוין א ביסעלע צו דיא כחות געקומען, און בין געפארען אויף איינענע פערד אהיים, איך קום אין שטוב אריין, אוי, א דונער האט מיך דערשלאגען! מאהלט אייך; דער פראסט איז זיך א זכר, וואזשע קומט דער חצוף אין א ספאלנע? — אודאי בין איך געלאפען אין איין אינפעט צום רב, נאר אויפ'ן וועג איז זיך מיישב דיא זאווערעהע, זיא איז דאך א נקבה, און פאטשט מיר גוט אויס דעם פנים און ווארפט מיר אראפ דעם ספאדעק, איך האב א קיק געטהון עס איז שלעכט האב איך זיך מישב געוועזען, וואס וועלל איך דא אויספיהרען מיט קריג? און אזוי האב איך אריינגענומען דעם פראסט מיט דער זאוועריהע צו זיך אויף קעסט — זייא האבען געפלאדעט קליינע פרעסטעליך מיט קליינע זאווערעחקעלעך און איך קליינע קינדערלעך, צונד איז מיין ווייב א פירואגערין אין ווייבערשען שולכען און איך פנחס שמעלקע בין א קבצן אין אכצעהן פאלעס — ווען איך וועל שטארבען ווייס איך ניט — נאר ווען איך האב געלעבט ווייס איך אודאי ניט, נאר דאס ווייס איך אז איך האב א ווייב מיט צוועלף קינדער, ניט אקעגען דיא צוועלף שבטים נאר אקעגען דער באד און רעכט מיך היינט מארגען אויפ'ן דרייצעהנטען! —

# אַ פּאָרטרעט

אַ נידעריגער – אַ הויכער
אַ קלויזנער – אַ סוחר
אַ חסיד – איין אַריסטאָקראַט
אַ שטילער – אַ מאַט
אַ מיאוסער – אַ שיינער
אַ גרויסער – אַ קליינער
אַ געבילדעטער – אַ גראָבער יונג
אַ שרייבער – אַ פּוסטע צונג
אַ קבצן – איין עושר
איין אכזר – אַ בעל יושר
אַ קמצן – אַ מילדער
אַ סטאַטעטשנער – אַ ווילדער
אַ גלייכער שכל – אַ קרימער
אַ הילטייא – אַ פרימער
אַ קנעכט – אַ האַר
אַ קליגער – אַ נאַר
איין איידעלער – אַ גראָבער
דאָס איז דער

מחבר.

## מדפיסים!

נאכדרוקק איז שטרענג פארבאטען נאך דיא רעגיערונגס געזעטצע!

און הערען נ ע ח ע ל י ס בעט איך רחמים
ער זאלל שוין בעסער ווערען גאר גוט און פרום
און זאלל אויפהערען דרוקקען פרעמדע ביכער
אלא ניט מעג ער אודאי זיין זיכער
אז מיר אללע מחברים מיט דער שטיטצע פינ'ם זאקאן
וועלין איהם רודפ'ן וויא וויט נאר מען קאן!
מיר וועלין בעדייא פארלאזען אונזער ברויט
און זיך לאדען מיט איהם ביז אין טויט!
מיט דער שטיטצע פון אונזער פ א ט ע ר, רעטער און ל י י ז ע ר
אונזער פראממער אללמאכטיגער קייזער!
וועלין מיר אונזער רעכט געפינען אומעדום, לויב גאטט!
און אונזערע רויבער וועלין זיין צו שאנדע און שפאטט!

דער פערפאססער.

פרייז 50 קאפ׳